בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ק"ם

יו"ל: י"ב ניסן ה'תשפ"ו לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

'כל אשר בו מום לא יקרב'

שוין גארנישט צום שמייכלען

'חכימא דענוותנותא'

תלמידיו של רבי אברהם

דער סוחר מיט פארוויינטע אויגן...

לבחינת 'חשאי' צריכין 'לצעוק' הרבה

'מפני מה זכו אלו להתקרב'

מיר האבן מיט וואס צו זיין אַן 'איש כשר'

רצון עולה על הכל

איך ווייס נאר פון 'רצון'

'עד שתחפץ'

גענומען וועגן קינדער

אז עס גייט אוועק א גרויסער אור

מנעוריו הכיר אברהם את בוראו

התבודדות משבת לשבת

גאון בנגלה ונסתר

א איד א בעל רוח הקודש

וואס הייסט 'תורתו אומנתו'?

דאס שפענדעלע

גאר עפעס אנדערש

געכאפט דעם העכט מיטן פלאטציקל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם,
וכמו-כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על-ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור
המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ #160

# שיעור חיי מוהר"ן

פרשת חיי שרה שנת תשל"ח

## 'כל אשר בו מום לא יקרב'

[לומד חיי מוהר"ן אות ס"ב]

"הַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַבַּעַל תְּפִלָּה הִתְחִילָה אַחַר שֶׁסִּפֵּר עִם הַחַזָּן רַבִּי יוֹסֵף דְּפֹה וַאֲנַחְנוּ עָמַדְנוּ לְפָנָיו וְהַחַזָּן הַנַּ"ל הָיָה מַלְבּוּשׁוֹ קָרוּעַ. עָנָה וְאָמַר לְהַחַזָּן הֲלֹא אַתֶּם בַּעַל תְּפִלָּה שֶׁעַל יָדָהּ נִמְשָׁךְ הַכֹּל (הַיְנוּ כָּל הַהַשְׁפָּעוֹת) וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיֶה לָכֶם מַלְבּוּשׁ (שֶׁקּוֹרִין קַאפְּטִין). וּבְתוֹךְ כָּךְ הִתְחִיל לְסַפֵּר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, כְּבָר הָיָה מַעֲשֶׂה כָּזֹאת שֶׁהָיָה בַּעַל תְּפִלָּה, וְסִפֵּר כָּל הַמַּעֲשֶׂה. וּבִתְחִלַּת סִפּוּרוֹ לֹא יָדַעְנוּ שֶׁמְּסַפֵּר מַעֲשֶׂה מִמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁלּוֹ, רַק סָבַרְנוּ שֶׁמְּסַפֵּר מַעֲשֶׂה סְתָם שֶׁאֵרַע כָּךְ. רַק אַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּכְנַס בִּדְבָרִים הֵבַנּוּ נוֹרְאוֹת הָעִנְיָן שֶׁמְּסַפֵּר, שֶׁהוּא מַעֲשֶׂה נוֹרָאָה מִמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁלּוֹ. שֶׁהֵם סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת".

מיר ווייסן אז דער רבי האט זייער מקפיד געווען אויף צעריסן, דער רבי האט זייער מקפיד געווען אויף צעריסן. 'חשובע', 'טייערע מלבושים' - דאס קען מען נישט זאגן; ווי מען גייט - גייט מען; אבער צעריסן - נישט! דער מלבוש זאל זיין גאנץ; נישט קיין צעריסענעם מלבוש[א].

[א] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כ"ט אות ג': צָרִיךְ לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַבְּגָדִים, שֶׁלֹּא יְבַזֶּה אֶת הַבְּגָדִים, רַק לְשָׁמְרָן כָּרָאוּי שֶׁלֹּא יָבוֹא עֲלֵיהֶם שׁוּם כֶּתֶם וּרְבָב. וְכָל מִי שֶׁהוּא גָּדוֹל יוֹתֵר, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַבְּגָדִים יוֹתֵר. כִּי כָל מִי שֶׁגָּדוֹל יוֹתֵר, מְדַקְדְּקִין עִמּוֹ יוֹתֵר. וְעַל כֵּן תַּלְמִיד חָכָם שֶׁנִּמְצָא רְבָב עַל בְּגָדָיו חַיָּב מִיתָה (שַׁבָּת קי"ג), כִּי עִמּוֹ מְדַקְדְּקִין יוֹתֵר. כִּי הַבְּגָדִים בְּעַצְמָם הֵם דָּנִין אוֹתוֹ, בִּבְחִינַת דִּינָא דְּמַלְכוּתָא. כִּי הַבְּגָדִים הֵם בְּחִינַת מַלְכוּת, כִּי רַבִּי יוֹחָנָן קָרָא לְמָאנֵהּ מְכַבְּדוּתָא (שַׁבָּת קי"ג.), שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מַלְכוּת, בְּחִינַת (תְּהִלִּים כ"ד): "מֶלֶךְ הַכָּבוֹד". וְהֵם בְּחִינַת 'צֶדֶק מַלְכוּתָא קַדִּישָׁא', שֶׁזֶּה בְּחִינַת הַבְּגָדִים, בְּחִינַת (אִיּוֹב כ"ט): "צֶדֶק לָבַשְׁתִּי".

**ר' נחמן טולטשינער איז אמאל געגאנגען אפגעריסן אזוי. האט אים רבי נתן געזאגט: "נחמן, פארוואס גייסטו אזוי? מאך צורעכט!". האט ער געזאגט, 'ער וויל גיין פריער אויפן ציון, נאכדעם וועט ער צורעכט מאכן'. זאגט ער: "ניין, פריער מאך צורעכט, נאכדעם וועסטו גיין אויפן ציון! אז דו גייסט אריין צום רבי'ן אויפן ציון מיט א צעריסן מלבוש, גייסטו אריין צום רבי'ן און דו פאלגסט נישט דעם רבי'ן!".**

**דאס איז אַן ענין אזוי ווי דער מענטש האט עפעס אין זיך א 'מום'.**

**דארטן אין רוסלאנד איז געווען געפערליך דער מיליטער. דאס נעמען צום מיליטער איז געווען דארטן זייער געפערליך. מען האט געדארפט דינען דארטן פינעף יאר און נאך מערער, פלעגט מען זיך מאכן א מום, מען האט זיך געמאכט אין פינגער, אדער אַן אנדער מום[ב].**

**פלעגט רבי אברהם ר' נחמן'ס זאגן פון דעם רבי'ן: "דאס נישט; קיין מום - נישט!" קיין 'מום' זאל מען זיך נישט מאכן; אלעס חוץ דאס, א מום - נישט[ג].**

**ווייזט אויס, אזוי ווי דער מענטש דארף זיין גאנץ אָן קיין 'מום', אזוי דארף דער מלבוש אויך זיין גאנץ, נישט קיין צעריסן מלבוש. אפילו** (ער גייט) **פראסט אזוי** (במלבושים פשוטים)**, אבער נישט צעריסן.**

❖

וְהַמְבַזֶּה אוֹתָם, נִמְצָא שֶׁהוּא כְּמוֹרֵד בְּמַלְכוּת, וְאָז דִּינָא דְמַלְכוּתָא דָּן אוֹתוֹ. וְעַל יְדֵי זֶה עוֹשֶׂה פֵּרוּד בֵּין קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ; גם עיין שם סי' קכ"ז: הַבְּגָדִים הֵם בְּסוֹד הַחַשְׁמַ"ל, שֶׁהוּא שְׁמִירָה. וְעַל כֵּן הַבְּגָדִים יִהְיוּ שְׁלֵמִים תָּמִיד וְלֹא קְרוּעִים כִּי הוּא קִלְקוּל הַשְּׁמִירָה. הַבְּגָדִים בְּעַצְמָן תּוֹבְעִין אֶת הָאָדָם אִם לֹא נִזְהָר בִּשְׁמִירָתָן לְכַבְּדָן כָּרָאוּי וּלְהַחֲזִיקָן בִּנְקִיּוּת.

[ב] עיין 'ליקוטי תפילות' - ק"י: וְכַמָּה חִבְּלוּ בְּעַצְמָן וְסָבְלוּ יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים וַעֲצוּמִים כְּדֵי שֶׁיִּשָּׁאֲרוּ בְּדַת יִשְׂרָאֵל.

[ג] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' חובל בחבירו ה"ב: וְזֶהוּ, 'כָּל אֲשֶׁר בּוֹ מוּם לֹא יִקְרַב', כִּי כְּשֶׁחָסֵר מִמֶּנּוּ אֵבֶר, חָסֵר מִמֶּנּוּ מִצְוָה אַחַת מֵהַתּוֹרָה, הַיְנוּ הֶאָרַת הַדַּעַת הַנַּ"ל, בְּחִינַת מֹשֶׁה שֶׁמְּלֻבָּשׁ בְּכָל אֵבָר. וְעַל כֵּן אֵין בּוֹ שְׁלֵמוּת לְהִתְקָרֵב לַה' לַעֲבֹד עֲבוֹדָתוֹ תַּמָּה.

# שוין גארנישט צום שמייכלען

(השואל: עס איז ריכטיג אז אונזערע לייט האבן צוגעשמייכלט ביי דער מעשה?) **בשעת דער רבי** רעדט דארטן פון דער מדינה פון עשירות, אז מען האט איינגעשפאנט דארטן צוויי 'מלאכים' און געפארן, האבן זיי (- אונזערע לייט) אונטערגעשמייכלט אביסל.

**האט דער רבי געזאגט: "אזוי? אזוי? איר לאכט?! אז איך וועל אייך זאגן איין סברא פון זייערע סברות וואס זיי האבן געהאט, וואלט איר פארקאטשעט די פאָלעס און נאכגעלאפן נאך זיי!"[ד].**

**דאס איז געווען עפעס א מין 'עבודה־זרה' - נישט נאר סתם געלט.**

עס שטייט אין "זוהר הקדוש"[ה]: די פריערדיגע דורות זענען געווען געוואלדיגע חכמים. אויף "ויירא בלק", זאגט דער "זוהר הקדוש"[ו], ער האט טאקע געזעהן, ער האט געזעהן! עס איז אלץ געווען פון דער סטרא אחרא, אבער זיי האבן געהאט געוואלדיגע כוחות. עס איז געווען דעמאלט גדולים, משה רבינו, אלעס; עס איז אבער אויך געווען אנטקעגן געוואלדיגע כוחות, נאר נישט פון דער קדושה.

דאס איז דאך א געוואלדיגע זאך; מען זעהט, די סטרא אחרא האט אזויפיל כוחות, ער פליהט אין דער לופטן, ער שעלט, ער בענטשט, און עס ווערט אלץ מקויים, עס טוהט זיך א געוואלד. דארף מען דאך האבן עפעס אייזערנע כוחות איינצושטיין אין דער קדושה. איז טאקע נישט יעדער איינער האט דאס אויסגעהאלטן.

---

[ד] עיין גמ' סנהדרין דף ק"ב ע"ב מה שאמר מנשה המלך לרב אשי: **'אִי הֲוַת הָתָם, הֲוַת נָקִיט בְּשִׁפּוּלֵי גְּלִימָא, וְרָהֵטְתְּ אַבַּתְרָאֵי'**; גם עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' ל"ב: כִּי יֵשׁ הַרְבֵּה סִפְרֵי מִינִין, שֶׁאִם הָיוּ, חַס וְשָׁלוֹם, מִתְפַּשְּׁטִין בָּעוֹלָם, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר כְּלָל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כִּי יָרָבְעָם בֶּן נְבָט, שֶׁעָשָׂה שְׁנֵי עֶגְלֵי זָהָב וְאָמַר: "הִנֵּה אֱלֹקֶיךָ יִשְׂרָאֵל" וְכוּ' (מְלָכִים א י"ב), וְהִטְעָה כָּל יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵיהֶם, **הֲיַעֲלֶה עַל הַדַּעַת, שֶׁהִטְעָה עַם רָב בִּשְׁטוּת כָּזֶה לַעֲבֹד עֲגָלִים?! אַךְ בְּוַדַּאי הָיָה בָּזֶה חָכְמוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד מְאֹד שֶׁל אֶפִּיקוֹרְסוּת.** וְאִם הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלַן, נִמְצָא עַתָּה דַּף אֶחָד מִסְּפָרִים הַלָּלוּ, חַס וְשָׁלוֹם, הָיוּ מִתְרַחֲקִים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְלֹא הָיָה אֶפְשָׁר לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל.

[ה] עיין פר' נח דף ע"ד ע"ב; פר' ויקרא דף ב' ע"א.

[ו] ריש פר' בלק.

# 'חכימא דענוותנותא'

(ר' מאיר קרליבאך: רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט אויך גיין גאנצע בגדים?) **יא; ער איז געגאנגען נישט די חשובע מלבושים; אבער גאנץ.**

(אחד הנוכחים: ר' יעקב מלמד האט דערציילט אז ער איז געגאנגען דא אין ארץ ישראל א לאנגער דזשובע מיט א גרינעם קאפעלוטש - פון שווארץ איז געווארן גרין...).

ער איז געווען א גרויסער ארעמאן; ווי ווייט ער האט געקענט האט ער זיך פארבאהאלטן, ער האט נישט ארויסגעוויזן קיין שום פרסום און שוין. אבער ברוחניות איז ער געוועזן זייער רייך!

מען קען גארנישט אויסמאלן וואס דער מענטש איז געוועזן, א 'חכם דקדושה', זיך אזוי קענען פארבאהאלטן ווי ער האט זיך פארבאהאלטן. ער האט זיך פארבאהאלטן דא אין ארץ ישראל, ער האט זיך פארבאהאלטן אין חוץ לארץ, ממש מען האט נישט געקענט וויסן פון אים. די וואס האבן געוואוסט פון אים איז געווען עפעס א חדר (-איזה פתח) ווי אזוי זיי זענען געוואויר געווארן. פארבאהאלטן פארבאהאלטן.

א וועג איז דאס א וועג פאר יעדן איינעם, ער דארף זעהן ער זאל זיין 'הצנע לכת'; טוהט ער עפעס א גוטע זאך, זאל נאר וויסן דער אויבערשטער אליין! סיידן אז אַן אנדערער מוז עפעס וויסן ווייל ער האט דאך א שייכות מיט נאך איינעם. אבער אזוי, ווי ער קען עפעס טוהן 'לה' לבדו', איז דאס אוודאי (שייך) פאר יעדן איינעם. נאר פונדעסטוועגן, אויף אזוי ווייט, א מענטש וואס איז אזוי 'מלא וגדוש', אזויפיל מיט אלע זאכן, און ער זאל זיך אזוי פארבאהאלטן זיך?!

# תלמידיו של רבי אברהם

עס איז געווען ממש, אזוי ווי עס שטייט דארטן ביי די שאף פון לבן'ען. רבי נתן ברענגט עס אין דער הלכה, אין הלכות מתנה (ה"ד)[ז], אויף פרשת ויצא, אז די שאף פון יעקב איז געווען 'נקודים וברודים'; מען האט דערקענט - 'אט דאס איז שייכות צו

[ז] עיין שם אות י"ד.

יעקב'ן' - מען האט דערקענט; דאס איז גאר הויכע זאכן דארטן אין די 'כוונות' - אלץ פונעם אר"י הקדוש.

אין אומאן האט מען דערקענט איינער, 'דער האט א שייכות צו רבי אברהם ר' נחמן'ס' - מען האט געזעהן זיין עבודה! געוואלדיגע עובדים האט ער געהאט, זיינע מענטשן זענען געוואלדיגע עובדים געווען.

וואס הייסט, אין בארדיטשוב פלעגט מען אלע נאכט אריבערוואַרפן זיך איבערן פארקן (- גדר) און אריינגיין צום בארדיטשוב'ער רב אויפן ציון, אפּרעכטן דארטן 'חצות'.

איך בין געווען דארט אמאל, נישט ביינאכט, איך בין געווען בייטאג, איז געווען דארטן א הינט ווי א לייב, ער האט געקענט אויפעסן א מענטשן. עס איז געווען דארטן א שטיבל פונעם גוי, ער האט קיינעם נישט אריינגעלאזט; סיידן אז עס איז געווען דארטן עפעס א לויה, דעמאלט האט ער געעפנט דעם טויער און אריינגעלאזט.

פלעגן זיי זיך אריבערוואַרפן ביינאכט איבערן פּאַרקן, און דארטן אפּרעכטן 'חצות'; דאס איז אַן 'עבודה'! געוואלדיגע עובדים האט ער געהאט, מסירות נפש'דיגע מענטשן.

יוחנן'ס טאטע (- ר' ברוך בארדיטשובער) - איי ווער יוחנן'ס טאטע איז געווען - דאס איז געווען אַן עובד ה', א קראנקער מענטש, און אַן ארעמאן. זיין זאך (פרנסה) איז געווען, ער פלעגט ארומגיין איבערקוקן די עירובין אין בארדיטשוב. מען האט אים גערופן: "ברוך פון די עירובין!". ער פלעגט אויסלויפן דער שטאט ארום און ארום, קוקן צו דער עירוב איז גאנץ - דאס איז געווען זיין פרנסה.

צו דעם האט מען אים געגעבן ערב יום־כיפור א שיסעלע, האט ער עפעס געמאכט. מען האט אים גארנישט געצאלט - נאר ערב יום־כיפור. האט ער געמאכט דארטן עטליכע פיאסטערס. דאס איז געווען זיין פרנסה...

אַן ארעמאן געווען, אַן אביון, ער פלעגט ארומגיין דארטן איבערקוקן די עירובין, איז ער געווען פארמאטערט. בארדיטשוב איז דאך א גרויסע שטאט. ער איז אריינגעלאפן אין שול אריין פארנאכט, און ווען דער עולם האט שוין אפגעדאווענט האט ער זיך געשטעלט "דאווענען"! - ר' יוחנן האט דאס דערציילט.

ר' ברוך האט אנגעהויבן דאווענען! אוועקגעלייגט א דאווענען! פארמאטערט פון א גאנצן טאג - און אזוי האט ער אוועקגעלייגט פרייטאג צונאכט "א דאווענען"!

איך בין געווען ביי אים אין שטוב, איך האב געגעסן ביי אים אין שטוב. צו ברוכ'ען האט 'זי' גארנישט געקענט רעדן. איז יוחנן געווען דער 'מתווך' - יוחנן זאל זאגן דעם טאטן: "מיר האבן דאך נישט וואס צו עסן - וואס זאל מען דא טוהן?!". יוחנן האט געזאגט: "טאטע, די מאמע זאגט אז עס איז נישטא וואס צו עסן!".

(ענה:) **"גלויב מיר - יוחנן, איך קען נישט ארויסגיין אין גאס! וואס זאל איך טוהן?! איך קען נישט ארויסגיין אין גאס!".**

ער איז געווען א געוואלדיגער עובד - אַה!

## דער סוחר מיט פארווייַנטע אויגן...

נאך א זאך, ביי רבי אברהם ר' נחמן'ס; ממש אזוי ווי דער רבי האט א זאג געגעבן[ח]: "האט איר געהערט אמאל פון מיר א דבר מוסר?!". זיין רעדן איז נישט געווען קיינמאל קיין מוסר, ער האט נאר גערעדט פונעם רבי'ן, פונעם תכלית. זאגן יענעם א 'דבר מוסר', מישן זיך צו יענעם - קיינמאל נישט.

איציק באבריניצער[ט], [דער וואס איז דא געווען, נחמן שטערנהארץ, זיין טאטע], האט מיר אמאל געזאגט, עס איז געווען אמאל אין אומאן ראש־השנה. רבי אברהם איז געזעצן אין א זייט, און א גרויסער עולם איז געשטאנען ארום רבי אברהמ'ען, און רבי אברהם האט גערעדט. ער האט זיך נישט געקענט צושטופן, האט ער נאר געהערט דאס קול זיינעם, מער - נישט, דעם 'דיבור' האט ער נישט געקענט הערן.

(וסיפר לי:) **"אז איך האב נאר געהערט זיין קול איז געווארן אויף מיר א פחד פון יראת ה'!".**

---

[ח] 'שיחות הר"ן' אות קכ"ד.

[ט] ב"ר נתן ב"ר נחמן בן מוהרנ"ת זצ"ל.

דער רבי זאגט אין "ספר המידות"[י]: "**הקול היוצא מבר דעת שבקדושה איז מסוגל צו יראה!**".

**אַה, ביי אים** (- איציק באברינּיצער) **איז געווען 'א שטוב'! די 'הכנסת אורחים' וואס איז געווען דארט - אַה!**

**איך בין געווען אין באברינּיץ עטליכע מאל. ר' מרדכי** (באברינּיצער) **איז געווען אביסעלע מער א פארמעגליכער, בין איך איינגעשטאנען ביי מרדכי'ן. זאגט איציק צו מרדכי'ן: "גיב מיר דעם אורח אויף 'איינמאל'!"; "לאמיך אים האבן פאר מיר אויף איין סעודה!".** (השיב:) **"פון מיין שטוב ארויסנעמען אַן אורח?!".**

**האט ער קוים גע'פועל'ט אז אויף 'מלוה מלכה' זאל איך זיין ביי אים; ער האט קוים גע'פועל'ט אז איך זאל זיין ביי אים אויף איין סעודה - אויף 'מלוה מלכה'.**

**שוין, איך האב געגעסן דארטן מלוה מלכה. ער מאכט גיך, מען לייגט זיך צו שלאפן. אז עס איז געקומען 'חצות' איז געווען ביי אים אין שטוב ממש א בית־מדרש, אלע קינדער זענען אויפגעשטאנען, דער אין דעם ווינקל, דער אין דעם ווינקל, א בית מדרש, א בית מדרש... ער איז געווען א סוחר.**

(השואל: גרויסע קינדער זענען זיי שוין געווען?) **קינדער פון זיבעצן-אכצן יאר, אויפגעשטאנען.**

**איך בין געווען דארטן עטליכע טעג. פארנאכט האבן מיר גערעדט פונעם רבי'ן, 'בין מנחה למעריב', אזוי - פארנאכט רעדט מען פון דעם רבי'ן. זאג איך אים: "מרדכי, וואו איז איציק?" - "ער וועט באלד אריינקומען!". קומט ער אריין מיט פארוויינטע אויגן...**

**א סוחר קומט אריין מיט פארוויינטע אויגן!**

**דער כח פון רבי אברהם ר' נחמן'ס איז אזא מין כח געווען, ער האט יענעם אריינגעגעבן עפעס אזא מין סארט תשוקה צום אויבערשטן, עפעס אזא מין סארט הארץ! די 'באברינּיצער', די 'בארדיטשובער', אַה!**

---

[י] ערך 'יראה' חלק שני, אות ו'.

# לבחינת 'חשאי' צריכין 'לצעוק' הרבה

דער וואס איז דא געשטארבן, ר' יצחק קארסינסקי, ער האט געוואוינט אין 'סנהדריה המורחבת', זיין טאטע איז געווען דער עובד ה', ר' מרדכי (זלמן) האט ער געהייסן. ער האט געוואוינט אין טשעהרין. זיי זענען געווען פינעף ברידער, און ר' מרדכי איז געווען דער יונגסטער און דער עובד ה'. איז מיר א חידוש געווען, ווי קומט אז אין טשעהרין זאל מרדכי אזוי זיין? אוודאי! ער האט א שייכות צו רבי אברהם ר' נחמן'ס, דערפאר איז ער אַן 'עובד'.

אין אומאן א פרייטאג צונאכט - עס איז נישט קיין גוזמא - ממש 'מעין עולם הבא'! אזעלכע קולות איז געוועןביים דאווענען, אזא מין 'התפשטות הגשמיות' איז געווען פרייטאג צונאכט ביי א דאווענען, א ליכטיגקייט - אז עס איז געווען א געוואלד, א געוואלד!

איך קום קיין טשעהרין - און מען דאוונט שטיל. איך וויל עפעס אויפהויבן דעם קול, זעה איך עס איז געפערליך... און נאכדעם, מען דאוונט אפ פרייטאג צונאכט, דער 'ריקוד' איז דאך זייער גרויס, האב איך אנגענומען ר' אברהם שטערנהארץ און זיך גענעבן א דריי מיט אים (בניגון) "שבעינו". זאגט מיר איינער: "איר האט א נס וואס זיי האלטן פון אייך, ווען נישט וואלט מען אייך אפגענומען ביים קארג און ארויסגעוואָרפן - דא טאנצט מען נישט!"...

און דער איינער ר' מרדכי, ר' יצחק קראסינסקי'ס טאטע, איז געווען אַן עובד ה'!

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אז מיר זאלן קענען עפעס ארויסכאפן זאכעניש דא אין דעם עולם, און עס זאל זיין 'בהצנע לכת', נאר פארן אויבערשטן, דאס דארף מען וועלן, דאס דארף מען משתוקק זיין, נאר פארן אויבערשטן אליין.

רבי נתן רעדט ארום אין א הלכה, דאס וואס מיר דאווענען 'שמונה עשרה' שטיל, מוז מען האבן פריער 'פסוקי דזמרה' און 'ברכת קריאת שמע', דעמאלט קען מען דאווענען 'שטילע שמונה עשרה'.

מען מוז פריער צוגרייטן; אז מען שרייט זיך אויס 'פסוקי דזמרה', און 'ברכת קריאת שמע', דעמאלט קען מען דאווענען שטיל. דארף מען פריער צוגרייטן א 'פסוקי דזמרה'

און 'ברכת קריאת שמע', נאכדעם קען מען שוין דאווענען שטילערהייט אויך. 'תפילה בחשאי' איז נישט קיין קלייניקייט.

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען קען עפעס זיין 'בחשאי', שטילערהייט, דאס איז א גוטע זאך.

❖ ❖ ❖

## 'מפני מה זכו אלו להתקרב'

[לומד חיי מוהר"ן אות ס"ג]

"שייך צו דער אנהויב פון דער מעשה פון די ז' בעטלערס. דער רבי האט דעמאלט גערעדט: 'איך וועל אייך דערציילן ווי אזוי מען איז אמאל געווען פריילך'. ושמעתי שאמר אז בזה הלשון: 'וואס ווייסט איר ווי אזוי צו זיין פריילך פון מרה שחורה?! איך וועל אייך דערציילן ווי אזוי מען איז אמאל געווען פריילך!' וכו'.

"נִשְׁמַע מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ שֶׁהַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁסִּפֵּר הֵם חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים מְאֹד, וּרְאוּיִים לְדָרְשָׁם בָּרַבִּים, לַעֲמֹד בְּבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְסַפֵּר מַעֲשֶׂה מֵאֵלּוּ הַמַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁסִּפֵּר, כִּי הֵם חִדּוּשִׁים גְּבוֹהִים וְנוֹרָאִים מְאֹד".

אויף דער מעשה פון די ז' בעטלערס, אויף דער מעשה פון דעם זעקסטן טאג, זאגט רבי נתן אין 'הלכות תולעים'[יא], ער הויבט אָן מיט דעם לשון: "סוד מעשה זו נעלם מכל העולמות!" - די מעשה איז נעלם מכל העולמות!

דער רבי זאגט[יב]: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד". פלעגן אונזערע לייט זאגן, ווי אזוי קען מען דאס מקיים זיין? נאר דערמיט אליין וואס מיר זענען נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן, און מען האט א שטיקעלע שייכות צום רבי'ן, דערמיט אליין דארף מען זיין תמיד פריילך.

---

[יא] הלכה ד'. [עיין גם שם איך שמרומז במעשה זו כל ענין יציאת מצרים וקריעת ים סוף בדרך נפלא].

[יב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

עס קען זיין אין דעם עולם אזא מין מציאות אז עס זאל זיין אזא מין רבי; אזוי ווי דער רבי האט א זאג געגעבן צו רבי נתן'ען: "איר וואלט דאך געווען משונה'נע מתנגדים"; "אויף מיר וואלט איר געקריגט?!"[יג]. אז דער אויבערשטער העלפט אז מען איז נישט קיין מתנגד אויפן רבי'ן, דארף מען זיין פרייליך, דערמיט אליין מעג מען זיין פרייליך! מען זעהט אזעלכע גרויסע ערליכע אידן יראים ושלימים, ממש וואס מען קומט נישט 'לקרסוליהם', און זיי זענען מתנגדים. דאס איז דאך עפעס א מתנה פונעם אויבערשטן.

רבי נתן האט א זאג געגעבן טאקע: "דאס וואס די וועלט איז ווייט פון אייך - איז מיר נישט קשה; ווי אזוי קום איך צו אייך?!" (ענה לו רבינו:) "דאס איז אויך נישט קשה!"[יד].

רבי נתן האט געזעהן אזעלכע גרויסע מענטשן - און זיי זענען ווייט פונעם רבי'ן. אמאל איז געווען מענטשן, לומדים, גדולים, צדיקים, גרויסע מענטשן, און זיי זענען ווייט פונעם רבי'ן. און דאס איז אים נישט קשה, ווייל אז אזא גרויסער רבי - איז ער ווייט; "אבער ווי קום איך צו אייך?!". (ועל זה ענה לו רבינו:) "דאס איז אויך נישט קשה!".

(ר' מאיר: אויף דער צווייטער מעשה האט רבי נתן געזאגט אז די מעשה איז פון אים פארהוילט?) **יא**, אויף דער אנדערער מעשה, "ממלך וקיסר", (האט ער געזאגט עס איז פון אים פארהוילט) מער ווי אלע[טו].

---

[יג] חיי מוהר"ן אות נ': **וְאָמַר אָז לָנוּ שֶׁרָאוּי לָנוּ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מַה שֶּׁנִּצַּלְנוּ בְּרַחֲמָיו מִלִּהְיוֹת מִתְנַגְּדִים עָלָיו.** וְאָמַר אָז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים, **מִשְּׁנֵי תוֹעִים**, הַיְנוּ מֵהַתּוֹעִים לְגַמְרֵי מֵהַתּוֹרָה שֶׁהֵם הָעַכּוּ"ם וְהָאֶפִּיקוֹרְסִים, וְגַם נִצַּלְנוּ מֵהַתּוֹעִים הַמִּתְנַגְּדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו שֶׁאָבְדוּ מַה שֶּׁאָבְדוּ בְּלִי שִׁעוּר וְעֵרֶךְ וּמִסְפָּר. וְאָמַר, **הֲלֹא אַתֶּם בְּוַדַּאי הֱיִיתֶם מִתְנַגְּדִים גְּדוֹלִים לוּלֵא חֲסָדָיו וְרַחֲמָיו הַמְרֻבִּים אֲשֶׁר נִצַּלְנוּ מִפַּח יוֹקְשִׁים מִכַּת הַמִּתְנַגְּדִים אֲשֶׁר אִם הָיִינוּ שׁוֹמְעִין לָהֶם חַס וְשָׁלוֹם הָיָה נֶאֱבָד תִּקְוָתֵנוּ חָלִילָה וְכוּ'**. עָנָה וְאָמַר כְּמַתְמִיהַּ וְאָמַר, עָלַי הֱיִיתֶם חוֹלְקִים, וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, **"אוֹף מִיר וָואלְט אִיהר גִיקְרִיגְט"**.

[יד] עיין 'ליקוטי הלכות' ברכת הריח ה"ד אות כ"ג: וּכְמוֹ כֵן בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין מִפְּנֵי מָה זָכוּ אֵלּוּ לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת יוֹתֵר מִשְּׁאָר אֲנָשִׁים, כִּי כָּל זֶה הוּא בְּחִינַת סְגֻלָּה שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהָבִין כְּלָל, אֲבָל בֶּאֱמֶת צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ. וּבְוַדַּאי גִּלְגֵּל ה' יִתְבָּרַךְ בְּהֶעְלֵם גָּדוֹל עִם כָּל אֶחָד שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב אֶל הָאֱמֶת. וּכְפִי הַהִתְעוֹרְרוּת שֶׁל כָּל אֶחָד כֵּן הוֹלִיךְ אוֹתוֹ ה' יִתְבָּרַךְ לְרַחֵק אוֹ לְקָרֵב.

[טו] עיין 'רמזי מעשיות' (להרב מטשעהרין) מ"ש על מעשה זו בזה"ל: סוד המעשה הזאת לא נמצא עליה עדיין שום פשר דבר, ע"כ מה נאמר ומה נדבר בזה.

רבי נתן פאר דער הסתלקות האט ער געהייסן מען זאל אים דערציילן די (ערשטע) צוויי מעשיות[טז]; און דארטן (מעשה ב') לאזט זיך אויס: "און דו בֶּן מֶלֶךְ (דְּהַיְינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דֶער חָתָן) קוּם אַהֶער, לָאמִיר אַהֵיים פָּארִין. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אַהֵיים. אָמֵן וְאָמֵן!". האט ער נאכאמאל איבערגע'חזר'ט די ווערטער: "דו זעהסט וואס דא שטייט? - 'האבן זיי זיך אומגעקערט אהיים'!" - מיט דעם דיבור האט ער געענדיגט.

רבי נתן האט געזאגט: "אין אדם עומד על דעת רבו [עד ארבעים שנה"[יז]]; (כלמר:) סוף ימיו קען ער קומען 'על דעת רבו'; "'סוף ימיו' זעהט ער אז די אלע זעקס טעג איז גאר איין בעטלער!" ווייל מען קען נישט האבן ריינע אויגן נאר אז מען האט א ריין מויל; עס איז גאר געבינדן איינס אין אנדערן, דער 'מויל' מיט די 'אויגן' מיט די 'אויערן'. דער רבי רעדט דארטן אלע זאכן; איינס איז געבינדן אין אנדערן, עס איז גאר איין בעטלער.

עס שטייט טאקע אין "ימי מוהרנ"ת"[יח], ביים הסתלקות פונעם רבי'ן רעכנט ער אויס דארטן: "וואויל זענען די אויגן וואס האבן נישט געהאט קיין קוק", "וואויל איז דער מויל" וכו' - אלץ אויפן רבי'ן.

## מיר האבן מיט וואס צו זיין אַן 'איש כשר'

"(אָמַר הַמַּעְתִּיק שָׁמַעְתִּי מִפִּי הָרַב נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁאַחַר שֶׁסִּפֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הַמַּעֲשֶׂה מֵהַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶירְס, הִפְלִיג בְּמַעֲלָתָהּ מְאֹד וְאָמַר שֶׁרַשָּׁאִין לִסַּע לִבְרָאד וְלִכָּנֵס בְּבֵית הַכְּנֶסֶת וְלוֹמַר

---

[טז] עיין 'מכתב ההסתלקות': וְאוֹר לְיוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ קָרִינוּ לְפָנָיו ב' מַעֲשִׂיּוֹת מֵרַבֵּנוּ: מַעֲשֶׂה א' וב'.

[יז] גמ' ע"ז דף ה' ע"ב.

[יח] ח"א אות ס"ו: אַשְׁרֵי הַגּוּף שֶׁלֹּא נֶהֱנָה מֵהָעוֹלָם הַזֶּה כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה, אַשְׁרֵי הָעֵינַיִם שֶׁלֹּא הָיוּ לָהֶם שׁוּם הִסְתַּכְּלוּת בְּזֶה הָעוֹלָם, כִּי כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לֹא הָיָה עוֹלֶה אֶצְלוֹ כְּהֶרֶף עַיִן אַשְׁרֵי הָאָזְנַיִם שֶׁלֹּא שָׁמְעוּ שׁוּם קוֹל שֶׁל זֶה הָעוֹלָם וְכֵן שְׁאָר כָּל הָאֵיבָרִים וְהַחוּשִׁים, כַּמּוּבָן כָּל זֶה בְּהַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶירְס שֶׁסִּפֵּר (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י"ג) עַיֵּן שָׁם הֵיטֵב וְהָבֵן כִּי לֹא קִדְּמוֹ אָדָם בָּעוֹלָם לְסַפֵּר שְׁבָחִים כָּאֵלֶּה עַל שׁוּם צַדִּיק וּמִן הַסְּתָם כְּשֶׁהוּא יָדַע לְסַפֵּר כָּל זֹאת הָיָה אוֹחֵז בְּכָל זֶה וְאִם תָּשִׂים לִבְּךָ לְהִסְתַּכֵּל שָׁם הֵיטֵב הֵיטֵב בְּעֵין הָאֱמֶת אָז תָּבִין מְעַט מִזְּעֵיר גְּדֻלַּת קְדֻשָּׁתוֹ הָעוֹלָה עַל כָּל הַקְּדֻשּׁוֹת אַשְׁרֵי לוֹ.

**לְהַשַּׁמָּשׁ שֶׁיְּקַבֵּץ הָעוֹלָם לִדְרָשָׁה וּלְהַכּוֹת עַל הַשֻּׁלְחָן (כַּנָּהוּג קֹדֶם הַדְּרָשָׁה לְהַשְׁקִיט הֶמְיַת הָעָם) וּלְסַפֵּר לָהֶם זֹאת הַמַּעֲשֶׂה)".**

"מען מעג פארן קיין בראָד". 'בראד' איז געווען אמאל די גרויסע שטאט, לומדים גאונים, מען האט עס גערופן "חכמי בראד". "מען מעג פארן קיין בראד און אריינגיין אין בית הכנסת, אין שול אריין, און זאגן צום שמש ער זאל צונויף נעמען דעם עולם פאר א דרשה, און גיבן א קלאפ אויפן טיש פאר דער דרשה - מאכן שטיל, און דערציילן זיי דער מעשה".

אַה, מען רעדט אזעלכע ווערטער, מיר האבן אזעלכע אוצרות, אזעלכע אוצרות, אזא מעשה! יעדע זאך וואס מיר האבן פונעם רבי'ן איז א פארמעג, א פארמעג!

דער רבי האט צוגעגרייט אזעלכע זאכעניש אז יעדער איינער קען זיין אַן 'איש כשר', מיר האבן אזעלכע 'כלי זיין', אזעלכע געצייג, אזעלכע מיני זאכן, אז יעדער איינער קען זיין אַן 'איש כשר'; נאר וואס דען, מען זאל עס אויסניצן, דעם "סיפורי מעשיות", דעם "ליקוטי מוהר"ן", די "שיחות", 'דיבורים'[יט].

'זיי' פאלגן זייערע רבי'ס; די רבי'ס זאגן זיי גארנישט, אבער זיי פאלגן דאך זייערע רבי'ס. מיר פאלגן דאך נישט, מיר פאלגן גארנישט דעם רבי'ן וואס דער רבי הייסט. ווען מען זאל פאלגן דעם רבי'ן וואלט מען ממש געווען אַן 'איש כשר'[כ].

---

[יט] עיין 'חיי מוהר"ן' אות שמ"ז: אִם יַתְמִידוּ בִּסְפָרָיו יְכוֹלִין לִזְכּוֹת לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת; גם עיין הקדת ספר ליקוטי מוהר"ן, וזל"ש בא"ד: וּבַה' בָּטַחְנוּ. שֶׁכָּל מִי שֶׁיָּשִׂים עֵינוֹ וְלִבּוֹ הֵיטֵב לְדִבְרֵי קֹדֶשׁ הַנֶּאֱמָרִין בַּסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה. יִתְלַהֵב לִבּוֹ וְיִפָּתְחוּ עֵינָיו וְיִכְסֹף וְיִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ. עַד אֲשֶׁר יָשׁוּב אֶל ה' בֶּאֱמֶת. בְּכָל לְבָבוֹ וְנַפְשׁוֹ וּמְאֹדוֹ. וְלֵב חָזָק כְּצוּר יָזִיז מִמְּקוֹמוֹ. אִם אֶבֶן הוּא נִמּוֹחַ. אִם בַּרְזֶל הוּא מִתְפּוֹצֵץ. כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ זַ"ל שֶׁאָמַר שֶׁמִּי שֶׁיִּסְתַּכֵּל בַּסֵּפֶר הַזֶּה בְּעֵין הָאֱמֶת. בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִפְתָּחִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ. וְיִהְיֶה נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר.

[כ] עיין 'חיי מוהר"ן' אות שנ"ד: עָנָה וְאָמַר: עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם, עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים, וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי. כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁיִּהְיֶה עֵת בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ **שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה.** אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז.

אַן 'איש כשר' איז אַן 'ענין אחר לגמרי'; עס דאכט זיך ער גייט ארום מיט א פעסל קישקעס אזוי ווי 'דער'; עס איז אבער אַן 'ענין אחר לגמרי'![כא]

מיר האבן מיט וואס צו ווערן אַן 'איש כשר', מיר האבן מיט וואס! מיר זענען שלימזל'ניקעס גרויסע, מיר ניצן עס נישט אויס, מיר ניצן נישט אויס דאס וואס מיר האבן.

## רצון עולה על הכל

רבי נתן האט געהאט אזעלכע מענטשן נאכן רבי'נס הסתלקות, וואס ער האט זיי אזוי ארייגעבראכט; זיי זענען געווען אזעלכע מיני עובדי ה', אז זיי פלעגן נישט האבן קיין צייט צו קומען צו רבי נתן'ען - רבי נתן איז געגאנגען צו זיי. ער האט געוואוסט אז זיי זענען אזוי פארנומען אין אידישקייט אז זיי האבן נישט קיין צייט צו קומען, איז ער געגאנגען אמאל צו זיי.

דער רבי זאגט אין תורה ל"א[כב]: 'ומי שהוא בבחינת ברית' גייט ארויס אַן 'אהבה' פון אים, גייט ארויס א 'השתוקקות צום אויבערשטן', ער גייט ארום מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן; "ומי שהוא בבחינת ברית, אזי 'חסד מתגלה בפוּמא דאַמה'[כג]". 'חסד' איז 'אהבה'. גייט ער ארום מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן. ווער עס האט אזא השתוקקות צום אויבערשטן – דאס איז דאך ממש גרויסע מדריגות - ער בענקט צום אויבערשטן מיט אזא מין בענקאכטס צום אויבערשטן!

נו, רבי נתן האט געהאט אזעלכע אידן ממש, געוואלדיגע קדושים וטהורים, ארומגעגאנגען מיט אזא סארט - גאנצענע נעכט ארומגעגאנגען אין די וועלדער און די פעלדער מיט א מין ברענונג צום אויבערשטן, אזוי ווי די חיות גייען און ברומען[כד]. ער

---

[כא] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' קט"ז; גם עיין 'שיחות הר"ן' אות י"ד, וזל"ש: אֲנִי מְקַנֵּא מְאֹד אִישׁ כָּשֵׁר (שֶׁקּוֹרִין עֶרְלִיכֶר יְהוּדִי), כִּי נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ בֶּן אָדָם עִם דַּקִּין וְכַרְכָּשׁוֹת וְאֵבָרִים כִּשְׁאָר כָּל הָעוֹלָם וְאַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּאֱמֶת הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, כִּי אִישׁ כָּשֵׁר יָקָר מְאֹד אַשְׁרֵי לוֹ. וְהָעִקָּר הוּא הָרָצוֹן וְהַכִּסּוּפִין.

[כב] אות ו', עיין שם.

[כג] אדרא נשא דף קמ"ב ע"א.

[כד] עיין 'שיש"ק' (חדש) ח"ב, אות רכ"ו.

ברענט, ער ווייסט נישט וואס ער וויל, ער בענקט צום אויבערשטן! ער האט א השתוקקות צום אויבערשטן! ער האט אַן 'אהבה' אזוי ווי 'אהבה לבָּנים', ער ווייסט נישט וואס זאל ער טוהן דעם קינד, ער האט עפעס אַן אהבה צום קינד!

(כמו כן,) ער האט עפעס אַן 'אהבה' - 'רבונו־של־עולם, וואס זאל איך טוהן עפעס א זאך?! וואס זאל איך טוהן עס זאל זיין דיין רצון?!'[כה].

דער רבי האט געזאגט טאקע אויף זיין באבע 'אדל'; מען האט געפרעגט דעם רבין: וואס האט געהאט דער זיידע (הבעש"ט) צוטוהן אזוי מיט אייער באבע'ן אדל? - דער בעל שם הקדוש האט געהאלטן פון איר גרויס, ער האט געהאלטן ביי דער באבע אדל כמעט אלע אוצרות, די אלע סודות האט ער אלץ איבערגעגעבן פאר איר, אלץ איז געווען ביי איר.

האט דער רבי געענטפערט: "די באבע אדל איז ארומגעגאנגען מיט אזא מין בענקאכטס צום אויבערשטן - 'וואס וואלט איך געטוהן א זאך וואס דאס איז דיין רצון?!'".

"די באבע אָדל איז ארומגעגאנגען מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן - 'וואס וואלט איך געטוהן אזא מין זאך וואס דאס איז דיין רצון?!'".

אט די מדריגה האט דער רבי געזאגט אויף איר.

(ר' מאיר: וואס האט ער באהאלטן ביי איר?) אלעס, קמיעות, מיט זאכענישן. דער 'נאמן בית' איז געווען ר' נחמן הארַאדענקער, און ער פלעגט נעמען פון איר. אז דער בעל־שם האט געהייסן, האט ער גענומען פון איר, אלץ איז געווען ביי איר.

ער האט געוואלדיג געהאלטן פון איר עפעס גרויסקייטן.

---

[כה] עיין 'חיי מוהר"ן' אות כ"ה: פַּעַם אַחַת אָמַר רַבֵּנוּ זַ"ל בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: דוּרְךְ אֱמוּנָה קֶען מֶען קוּמֶען צוּ אַזוֹי אַ רָצוֹן אַז מֶען זָאל נִיט ווִיסְן וָואס מֶע ווִיל, מֶע זָאל שְׁרַייעֶן גְּיִוַואלְד בִּינְט מִיךְ וָואתְן אִיךְ וֶוער צוּ רִיסֶען אוֹף שְׁטִיקֶער אִיךְ ווִיל נִכְלָל וֶוערִין אִין דִיר וְכוּ' [עַל יְדֵי אֱמוּנָה אֶפְשַׁר לְהַגִּיעַ לְכָזוֹ רָצוֹן שֶׁלֹּא יֵדְעוּ מַה רוֹצִים, שֶׁיִּצְעֲקוּ, גְּיִוַואלְד קְשֹׁר אוֹתִי אֲנִי נִקְרָע לַחֲתִיכוֹת, אֲנִי רוֹצֶה לְהִכָּלֵל בְּךָ וְכוּ']; גם עיין 'שיחות הר"ן' אות 'ל'ב.

(דער בעל־שם האט געזאגט אז) ער האט גענומען איר נשמה פון "א'ש ד'ת ל'מו"[כו] - אד"ל - א פסוק אין האזינו אין דער 'שירה'[כז] - "מִימִינוֹ אֵ'שׁ דָּ'ת לָ'מוֹ", דאס איז ראשי־תיבות אדל, פון דארטן האט ער גענומען איר נשמה.

דער רבי האט דאך געקענט זאגן אויף איר (אסאך) שבחים, אבער ער האט געזאגט נאר דעם שבח: "זי איז ארומגעגאנגען מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן - 'וואס זאל איך דיר טוהן א זאך וואס דאס זאל זיין דיין רצון?!'".

דאס איז די העכסטע מדריגה פון צדיקים![כח]

א געוואלד אז מען קומט צו צו 'רצון'!

די גאנצע זאך איז נאר אז א מענטש זאל האבן - 'איך זאל וועלן'! האבן א 'רצון' צום אויבערשטן![כט]

דער רבי רעדט טאקע אין תורה ד'[ל], "ואת העורבים", אז דער 'חכם דקדושה' איז מקשר אלע רצונות צום 'שורש הרצון'.

א מענטש זאל נישט האבן קיין (אנדער) רצון, וואס איך וויל עפעס א זאך - זאל די זאך האבן א התקשרות צום 'שורש הרצון'. דער 'שורש הרצון' דאס איז דאך אַן אנדער

---

[כו] מובא בספר 'שבחי בעש"ט'.

[כז] דברים לג, ב.

[כח] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו אות ג': **הָרָצוֹן הוּא לְמַעְלָה מִן הַכֹּל** אֲפִלּוּ מִן הַדַּעַת דִּקְדֻשָּׁה וְשָׁם בִּבְחִינַת רָצוֹן אֵין שׁוּם אֲחִיזַת הַסִּטְרָא אָחֳרָא כְּלָל ... כִּי עִקַּר בְּרִיאַת הָאָדָם הָיָה בִּשְׁבִיל בְּחִינַת רָצוֹן שֶׁיִּזְכֶּה בִּשְׁלֵמוּת לִבְחִינַת הֶאָרַת הָרָצוֹן שֶׁזֶּה תַּכְלִית הַשְּׁלֵמוּת, כַּמּוּבָן בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת. וּבִפְרָט בְּסִפּוּרָיו שֶׁסִּפֵּר עִמָּנוּ. וּקְצָתָם כְּבָר נִדְפְּסוּ בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן. וּמֹשֶׁה רַבֵּנוּ רַבָּן שֶׁל כָּל הַנְּבִיאִים תַּכְלִית שְׁלֵמוּתוֹ בְּעֵת הִסְתַּלְּקוּתוֹ הָיָה שֶׁהִגִּיעַ לְתַכְלִית שְׁלֵמוּת הָרָצוֹן שֶׁנִּסְתַּלֵּק בְּתוֹךְ בְּחִינַת רַעֲוָא דְּרַעֲוִין, רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת.

[כט] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ערב ה"ג אות ב': **הָרָצוֹן הוּא גָּבֹהַּ מִן הַכֹּל! וְכָל עִקַּר הַתַּכְלִית שֶׁל כָּל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת** הוּא לִזְכּוֹת לְרָצוֹן וּלְהִכָּלֵל בָּרָצוֹן הָעֶלְיוֹן! כִּי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הוּא בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת וְעַל כֵּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ גִּימַטְרִיָּא תַּרְיַ"ג, כִּי הוּא בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת כְּלָלִיּוּת תַּרְיַ"ג מִצְוֹת הַתּוֹרָה, וְתַכְלִית שְׁלֵמוּת מַעֲלַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הוּא שֶׁנִּכְלָל בָּרָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת בְּרַעֲוָא דְּרַעֲוִין כַּנַּ"ל. נִמְצָא, שֶׁתַּכְלִית כָּל הַמִּצְוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ כַּנַּ"ל, **עִקַּר הַתַּכְלִית הוּא לִזְכּוֹת לְרָצוֹן בִּשְׁלֵמוּת**, שֶׁהוּא בְּחִינַת רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת.

[ל] תניינא, אות ז', עיי"ש.

׳רצון׳. ער איז דאך פול מיט רצונות, א מענטש וויל דאך, ער וויל דאך, אבער וואס איך ׳וויל׳ זאל זיין צוגעבינדן צום ׳שורש הרצון׳; אויב די זאך איז נישט צוגעבינדן צום ׳שורש הרצון׳ זאל איך עס נישט ווען.

אין דעם עולם איז דאך דא גשמיות׳ן, מען מוז דאך אנקומען צו גשמיות׳דיגע זאכן אויך; ׳דארטן׳ איז דאך עס נישטא; אבער די אלע רצונות זאל האבן א התקשרות צום ׳שורש הרצון׳! דאס איז דער ׳חכם דקדושה׳!

און דער ׳מצח הנחש׳ ער וויל אפרייסן די רצונות פונעם ׳שורש׳; אז דו ווילסט א זאך - ׳וויל׳! פארוואס דארפסטו דאס צובינדן צום ׳שורש הרצון׳?! דו ווילסט? טוה דער זאך וואס דו ווילסט! אבער דער ׳חכם דקדושה׳ ער איז מקשר אלע רצונות צום ׳שורש הרצון׳! וואס דו ווילסט - אבער צוגעבינדן צום ׳שורש הרצון׳!

זעהט מען דאך אלץ ארויס דערפון דעם ענין פון ׳רצון׳, ׳רצון׳.

## איך ווייס נאר פון ׳רצון׳

עס איז דא א מעשה פונעם ״תולדות״ מיט דעם ״מעזריטשער מגיד״; דער ״תולדות״ איז איינמאל געווען ביים מעזריטשער מגיד.

דער בעל־שם הקדוש, ׳בחייו׳ האט ער געהאלטן ביי א ׳חליף׳ אז דער עיקר איז עס זאל זיין ׳חלַק׳ - גלאט, מען זאל נישט קוקן אויף שארפקייט (- חד). [עפעס איין זאך, דער עיקר זאל מען קוקן אויף דער זאך].

נאך דער הסתלקות פון דעם בעל־שם הקדוש האט דער ״מגיד״ געהאלטן אז מען מוז האבןביידע, ׳חד-וחלק׳, אי שארף אי גלאט.

דער ״תולדות״ איז עפעס געווען (ברוגז), ׳ער זאגט אנדערש פונעם רבי׳ן׳ דעם בעל-שם?!׳ איז דער ״תולדות״ צוגעפארן צום ״מגיד״ וועגן דעם.

עס איז נישט ווייט, ער איז צוגעפארן צו אים פרייטאג אינדערפרי. אז ער איז נאר צוגעפארן, האט ער אים שוין געזאגט: ״וואס עפעס זאגט איר אנדערש פונעם רבי׳ן? איר זאגט אז מען דארף ביידע, ׳חד-וחלק׳?!״ ער האט אים שוין געפרעגט. זאגט אים

**דער מגיד: "גוט איז אייך וואס איר האט דערקענט דעם בעל־שם[לא]; היינט מוז מען האבןביידע, 'חד וחלק'!". שוין, זיי האבן זיך געזעגנט.**

**זאגט דער מגיד: "אז איר זענט שוין דא, האלט שויןביי מיר שבת אויך!". זאגט ער: "איך קען נישט, איר זענט דאך א רבי, איר פירט טיש - איך קען דאך נישט!". האט ער זיך איינגעבעטן: "איך וועל אייך געבן א באזונדערן חדר, איר וועט זיצן באזונדער, וואס איר וועט וועלן וועט איר טוהן!". איז ער געבליבן אויף שבת.**

(אחד הנוכחים: ער איז געוועזן עלטער פונעם מגיד?) **אוודאי איז ער געוועזן עלטער.**

האט ער אים אפגעגעבן א באזונדערן חדר, ער איז געזעצן דארטן באזונדער, און ער האט געפירט דארט זיין שבת מיט א משמש.

פרייטאג צונאכט האט ער געזאגט (למשמשו): "גיי זעה וואס עס איז דארטן ביים מגיד". איז ער צוגעגאנגען ביי דער טיר, האט ער געזעהן דער מגיד זאגט תורה - "פייער פייער פייער!".

ער איז אריינגעלאפן און געזאגט צום רבי'ן: "דער מגיד זאגט איצטער תורה - אז עס איז פייער!".

האט זיך דער "תולדות" אויפגעהויבן, ער איז צוגעגאנגען צו דער טיר, האט דער מגיד אויפגעהערט צו זאגן. איז ער אריינגעקומען צוריק. זאגט ער נאכאמאל: "גיי זעה!". אזוי איז געוועזן דריי מאל, אז ער גייט צו - הערט ער אויף צו זאגן. דאס לעצטע מאל, [האט ער זיך געלייגט שלאפן און שוין], ער איז שוין מער נישט צוגעגאנגען.

אינדערפרי איז אויך אזוי געוועזן. ביי שלש סעודות איז ער אריינגעגאנגען צום מגיד, האט דער מגיד זייער געבעטן דעם "תולדות" ער זאל עפעס זאגן. האט ער בשום אופן נישט געוואלט זאגן. וויפיל ער האט אים געבעטן - בשום אופן נישט. האט דער "תולדות" אים געזאגט: **"איך ווייס נאר פון 'רצון' - א איד דארף האבן א רצון צום אויבערשטן!". זאגט דער מגיד: "אויב איר ווייסט פון 'רצון', האב איך פאר אייך קיין תורה נישט!".**

---

[לא] כי הבעש"ט היה מגין על הדור שלא יקרה טריפה ח"ו.

# 'עד שתחפץ'

'רצון' איז די העכסטע זאך פון אידן, 'האבן א רצון צום אויבערשטן'! משה רבינו איז נסתלק געווארן אין 'רעוא דרעוין', 'רצון שברצונות'![לב] 'רצון' איז עפעס די העכסטע מדריגה פון צדיקים - נאר האבן א רצון צום אויבערשטן[לג].

די גאנצע זאך פארוואס איז דער מענטש ווייט, ווייל דער לב איז 'חומד'[לד], דאס הארץ גלוסט, פון גלוסטן ווערט אלעס; אבער אז איך האב א 'רצון' נאר צום אויבערשטן איז דאך נישט שייך צו זאגן קיין גלוסטן, איך האב נאר א רצון צום אויבערשטן, איך האב נישט קיין אנדער רצון[לה].

זאגט טאקע דער מדרש; עס שטייט[לו]: "מַה תָּעִירוּ וּמַה תְּעֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ"; רבי נתן ברענגט דעם דאזיגן מדרש[לז], דער מדרש זאגט[לח]: "בעוד שתחפץ". די אומות העולם האבן א ויכוח מיט די אידן; די אומות העולם זאגן צו די אידן - 'קומט

---

[לב] זוה"ק פר' יתרו דף פ"ח ע"ב.

[לג] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ערב ה"ג אות ב': עִקַּר הַתַּכְלִית הַטּוֹב שֶׁל הַנְּשָׁמָה הַקְּדוֹשָׁה הוּא שֶׁתִּזְכֶּה לְתַכְלִית שְׁלֵמוּת הָרָצוֹן שֶׁהוּא בְּחִינַת רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת שֶׁתִּזְכֶּה הַנְּשָׁמָה שֶׁיִּהְיוּ לָהּ רְצוֹנוֹת חֲזָקִים אֲמִתִּיִּים לַה' יִתְבָּרַךְ עַד שֶׁתִּזְכֶּה לְהִכָּלֵל בְּרַעֲוָא דְּרַעֲוִין שֶׁהוּא רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת שֶׁזֶּהוּ הַשְּׁלֵמוּת וְהַמַּעֲלָה הָעֶלְיוֹנָה מִכָּל הַמַּעֲלוֹת. כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ שֶׁמֹּשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהוּא מִבְחַר מִין הָאֱנוֹשִׁי וּמִי לָנוּ גָּדוֹל מִמֹּשֶׁה רַבָּן שֶׁל כָּל הַנְּבִיאִים וְהַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁל כָּל הַדּוֹרוֹת, וּבַסּוֹף בְּעֵת הִסְתַּלְּקוּתוֹ שֶׁאָז זָכָה בְּוַדַּאי לְתַכְלִית שְׁלֵמוּת הַמַּעֲלָה שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג, וְכָל עִקַּר עֹצֶם הַפְלָגַת מַעֲלָתוֹ הוּא שֶׁזָּכָה בְּעֵת הִסְתַּלְּקוּתוֹ הַקְּדוֹשָׁה לְהִכָּלֵל בְּרַעֲוָא דְּרַעֲוִין, שֶׁהוּא רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת, כַּמְבֹאָר בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה) שֶׁהִסְתַּלְּקוּת מֹשֶׁה הָיָה בְּשַׁבָּת בְּמִנְחָה בְּרַעֲוָא דְּרַעֲוִין.

[לד] רש"י במדבר טו, לט עה"פ ולא תתורו אחרי לבבכם וכו', עיי"ש.

[לה] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' קע"ז: צָרִיךְ הָאָדָם לְבַטֵּל רְצוֹנוֹ לְגַמְרֵי נֶגֶד רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ שׁוּם רָצוֹן אַחֵר, רַק כְּמוֹ שֶׁרוֹצֶה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הֵן שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מָמוֹן וּבָנִים, הֵן לָאו חַס וְשָׁלוֹם, וְהֵן כָּל שְׁאָר הָרְצוֹנוֹת לֹא יִרְצֶה שׁוּם רָצוֹן אַחֵר רַק כְּמוֹ שֶׁרוֹצֶה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פסח ה"ט אות ל"ג: צָרִיךְ כָּל אֶחָד לְהִתְגַּבֵּר לִזְכּוֹת לְהֶאָרַת הָרָצוֹן שֶׁהוּא גָּבֹהַּ עַל הַכֹּל, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּזְכֶּה שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ שׁוּם רָצוֹן אַחֵר כְּנֶגֶד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, רַק יִזְכֶּה לְרָצוֹן חָזָק וְנִפְלָא לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לִבְחִינַת בִּטּוּל, עַד שֶׁלֹּא יֵדַע כְּלָל מַה שֶּׁהוּא וְכוּ', (כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם, עַיֵּן שָׁם).

[לו] שיר השירים ח, ד.

[לז] עיין ליקוטי הלכות הל' ערב ה"ג אות ו'; הל' פדיון בכור ה"ה אות כ"ז.

[לח] עיין רש"י שיה"ש ב, ז.

צו אונז, מיר ווען איך געבן אלעס, איר וועט האבן ביי אונז אלעס'. זאגן די אידן צוריק צו זיי: "מה תעירו", דאס איז א לשון 'שנאה'. "ומה תעוררו" - (פארוואס זאלט איר) דערוועקן א קריג, ("עד שתחפץ" -) כל זמן ס'וויל זיך נאך.

**'כל זמן' איך וויל נאך דעם אויבערשטן וועט אייך גארנישט העלפן, קענט איר גארנישט מאכן קיין קריג ביי אונז - "בעוד שתחפץ"! 'כל זמן' מיר ווילן נאך, איז גארנישט שייך צו זאגן קיין זאך!**

נאר וואס דען, דער רצון קען זיך נישט האלטן ביים מענטשן, סיידן - ער מוז טוהן עבודות. דער רצון אליין האלט זיך נישט, ער לויפט אוועק, איך האב אַן אנדער רצון. נאר אז מען טוהט אסאך, מען דאוונט און מען לערנט, מצוות ומעשים טובים, מען האלט און איין טוהן און טוהן, דעמאלט קען זיין אביסעלע רצון אויך; אז נישט - מיט וואס וועט זיך האלטן דער רצון?! אז ער טוהט זאכענישן - דאס איז דער יסוד אז עס קען זיין א רצון.

צדיקים האבן געהארעוועט יארן יארן ביז זיי זענען געקומען דערצו!

מיט דעם כח פון דעם רבי'ן, אז מען זאל גיין מיט דעם רבי'נס עצות, מען זאל פאלגן דעם רבי'ן מיט אלע זאכענישן, וואלט מען געקענט האבן א שטיקעלע רצון צום אויבערשטן.

## גענומען וועגן קינדער

(ר' מאיר: דער רבי האט געקענט די באבע אדל'ע?) אוודאי האט ער איר געקענט.

דער רבי האט א נאמען געגעבן דער ערשטער טאכטער, "אדל'ע". דער רבי איז געבוירן געווארן ל"ב, און אדל'ע (בת רבינו) איז געבוירן געווארן דאכט זיך, תקמ"ו צו תקמ"ז.

און דאכט זיך מיר, איך ווייס נישט זיכער, די הסתלקות פון דעם בעל שם הקדוש'ס טאכטער אדל'ע איז געווען מ"ו אדער מ"ז. און אדל'ע (בת רבינו) האט געדארפט געבוירן ווערן טאקע דעמאלט. דער רבי איז געבוירן געווארן ל"ב, איז די חתונה געווען מ"ה, איז מ"ו-מ"ז געבוירן געווארן די ערשטע טאכטער.

(ר' מאיר: פיגא האט געוואוינט א גאנצע צייט מיט די מאמע'ן?) **אין מעזיבוזש.**

(ר' מאיר: אבער אין דעם בעל שם'ס חדר איז דער רבי געבוירן געווארן!) **יא![לט] אבער אדל'ע האט געהאט אַן אנדער חדר, אדל'ע האט געהאט אַן אנדערע שטוב. אדל'ע האט דאך חתונה געהאט נאך 'בחיי הבעל־שם', האט זי געהאט א באזונדערן וואוינונג.**

**דער בעל־שם הקדוש איז נפטר געווארן תק"כ. אדל'ע האט חתונה געהאט אסאך פריער.**

(ר' מאיר: איר מאן איז געווען דער דייטשל?) **מען האט אים גערופן: "דער דייטשל" - ר' יחיאל, ער איז געווען א באהאלטענער מענטש.**

**מען האט עפעס א פרעג געגעבן דעם בעל־שם, מען האט גארנישט געזעהן פון אים, האט דער בעל־שם געזאגט: "איך האב אים גענומען וועגן קינדער!". מען האט געמיינט** (- שהיה כוונתו)**, וויבאלד ער האט געהאט אזעלכע זין, רבי ברוכ'ל, דער "דגל", און פיגא, האט מען געמיינט אז דאס האט ער געמיינט - "וועגן קינדער" - האבן אזעלכע גוטע קינדער.**

**אבער נאך דער הסתלקות פון דעם איידעם, ער איז אוועק זייער יונג דער ר' יחיאל, נאכדעם איז געווארן אין מעזיבוזש, מען האט אנגעהויבן מפיל זיין קינדער, עס איז געווארן** (פראבלעמען מיט) **קינדער, קינדער. האט מען שוין פארשטאנען...**

**בשעת ער האט געלעבט דער ר' יחיאל, איז נישט געווען קיין שום מפיל, קיין שום זאך נישט געווען, גארנישט, אליץ געווען בסדר.**

**"איך האב אים גענומען וועגן קינדער!".**

(ר' מאיר: איז זי געווען אַן אלמנה אלע יארן?) **יא יא.**

**פארשטייט מען; אז דער בעל־שם הקדוש האט גענומען אים פאר אַן איידעם; און אדל'ע אליין ווער זי איז געווען; פארשטייט מען אז ער איז געווען א גדול.**

❖

[לט] עיין 'שיש"ק' (חדש) ח"א, אות א'.

## אז עס גייט אוועק א גרויסער אור

דער רבי האט זייער געהאלטן פון רבי שלום דעם מלאך'ס זון - רבי שלום פראהביטשער. דער רבי האט א זאג געגעבן: **"לעתיד וועט מען זעהן דעם חילוק פון רבי שמואל אייזיק מיט רבי יודל - ביז רבי שלום!"**. [א טייל זאגן, רבי שמואל אייזיק אליין, און א טייל זאגן - רבי יודל אליין].

"לעתיד וועט מען זעהן דעם חילוק פון אים ביז רבי שלום!"

רבי שלום איז געווען אין דער וועלט זייער גרויס!

דער רבי האט זייער געהאלטן פון רבי שלום'ען, דער רבי האט זייער געהאלטן פון רבי שלום'ען[מ].

ווען מען האט אנגעהויבן צו רעדן פונעם "מלאך", האט דער רבי געזאגט: **"א מענטש איז גרעסער ווי א מלאך!"**. [נאר די ווערטער; (ווי צו זאגן) רעד נישט אזוי פון "מלאך" - א מענטש איז גרעסער ווי א מלאך[מא]]. דאס ווייסט מען אז דער רבי האט זייער געהאלטן פון רבי שלום'ען.

אז רבי שלום איז נסתלק געווארן, האט דער רבי געזאגט: **"אז עס גייט אוועק א גרויסער 'אור', קומט א גרויסער 'חושך' אויף דער וועלט; א קליינער 'אור' - א קליינער 'חושך'!"**[מב].

---

[מ] עיין 'חיי מוהר"ן' אות תקנ"ג: **וְכֵן הִפְלִיג מְאֹד מְאֹד** בִּקְדֻשַּׁת הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי מִיכְל זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וּבִקְדֻשַּׁת הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי אַבְרָהָם קַלִיסְקֶיר זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וּבִקְדֻשַּׁת הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי מְנַחֵם מֶנְדִּיל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִוּיטֶפְּסְק, וּבִקְדֻשַּׁת הָרַב רַבִּי נַחוּם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, **וּבִקְדֻשַּׁת הָרַב רַבִּי שָׁלוֹם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** וְכֵן בִּקְדֻשַּׁת שְׁאָר תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה.

[מא] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תנינא סי' א' אות א': **אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִבְרָא, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מֶמְשָׁלָה עַל הַמַּלְאָכִים, וְזֶה הַתַּכְלִית וְהַסּוֹף שֶׁל יִשְׂרָאֵל**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי שַׁבָּת פֶּרֶק ב'): 'עֲתִידִין צַדִּיקִים, שֶׁיִּהְיֶה מְחִצָּתָן לִפְנִים מִמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת', שֶׁנֶּאֱמַר: "כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל אֵל", שֶׁהַמַּלְאָכִים יִצְטָרְכוּ לִשְׁאֹל מִיִּשְׂרָאֵל, כְּשֶׁיִּרְצוּ לֵידַע מַה פָּעַל אֵל.

[מב] עיין שיש"ק (חדש) ח"א אות תקצ"א.

און אומאן איז געווען אַן אייניקל פון רבי גדלי' ליניצער, ר' יהושע'לע, א גרויסער למדן, ער איז געווען א מפורסם. מען האט אים גערופן, "דער מאנאסטריטשער". "מאנאסטריטש" - א שטעטל.

האט ער געזאגט צו ר' אלטר טעפליקער - ער איז געווען מיט אים בידידות: "אייער רבי האט דאך מיר אנגערופן - 'א קליינער חושך'...

רבי גדלי' ליניצער; אין תורה י"ד (איז דער רבי מרמז אויף אים א הספד); דער רבי רעדט פון הספד[מג].

דאס האבן זיי געוואוסט אלע אז דער רבי איז א גרויסער חכם. אז ער האט געזאגט א ווארט, איז דא וואס צו הערן. אז דער רבי האט אזוי געזאגט דעם ווארט, איז דער ווארט געגאנגען דארטן - "מען האט געוואוסט אז דער רבי האט 'אזוי' געזאגט"!

"אז עס ווערט נפטר א גרויסער 'אור', קומט א גרויסער 'חושך'; א קליינער 'אור' - א קליינער 'חושך'!".

האבן זיי געוואוסט אז דער רבי רעדט אויף די ביידע (- על הסתלקות רבי שלום זצ"ל, ועל הסתלקות רבי גדלי' ליניצער זצ"ל).

ווען דער רבי זאגט א ווארט איז עס א ווארט!

הכלל, דעם רבי'נס זאך גייט נישט 'אוועק', דעם רבי'נס זאך איז דא! דעם רבי'נס זאך איז דא; עס איז 'א גרויסער אור' - און עס גייט נישט אוועק!

דער 'אור' איז דא, נאר מיר זענען שלימזל'ניקעס, דער 'אור' איז דא און מען ניצט אים נישט אויס. ווען מיר זאלן היטן דער צייט וואלט אויף אלעם געווען צייט. מען זאל נאר היטן דער צייט, נישט בטל'ן דער צייט.

---

[מג] עיין 'שיחות הר"ן' אות קל"ב: בְּלִקּוּטֵי [מוֹהֲרַ"ן] חֵלֶק רִאשׁוֹן סִימָן י"ד הַמַּתְחֶלֶת תִּקְעוּ וְכוּ' לְהַמְשִׁיךְ שָׁלוֹם. זֹאת הַתּוֹרָה אָמַר בְּשַׁבָּת חֲנֻכָּה. וְאָז בְּאוֹתוֹ הָעֵת נִפְטַר הָרַב הֶחָסִיד הַמְפֻרְסָם מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי גְּדַלְיָהוּ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַב־בֵּית־דִּין דִּקְהִלַּת לִינִיץ. וְרָמַז בְּאוֹתָהּ הַתּוֹרָה הֶסְפֵּד לְהָרַב הַנַּ"ל. כִּי הִזְכִּיר אָז בְּתוֹךְ הַתּוֹרָה מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'אֵין מַסְפִּידִין בַּחֲנֻכָּה'. גַּם אָמַר אָז שֶׁעַכְשָׁו קָשֶׁה לוֹמַר תּוֹרָה, כִּי כְּשֶׁנִּסְתַּלֵּק צַדִּיק קָשֶׁה לוֹמַר תּוֹרָה. כִּי כָּל צַדִּיק נִסְתַּלֵּק עִם כָּל חֶלְקוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּהַתּוֹרָה. כִּי כָּל צַדִּיק וְצַדִּיק יֵשׁ לוֹ חֵלֶק בְּהַתּוֹרָה, וּכְשֶׁנִּסְתַּלֵּק נִסְתַּלֵּק עִם כָּל חֶלְקוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ בְּהַתּוֹרָה. עַל־כֵּן קָשֶׁה אָז לוֹמַר תּוֹרָה.

**מיר האבן יענע וואך גערעדט - ״ניצט אייערע אוצרות!״**[מד] **- אז דער גרעסטער אוצר איז ׳די צייט׳. אז דער אויבערשטער העלפט, מען היט די צייט, דאס איז דער גרעסטער אוצר.**

❖

## מנעוריו הכיר אברהם את בוראו

(ר׳ מאיר: רבי אברהם ר׳ נחמן׳ס פלעגט רעדן אסאך התחזקות אויך?) **ער האט אסאך מאל גערעדט ׳התחזקות׳; ער פלעגט אסאך רעדן פונעם רבי׳ן - דאס גרויסקייט פונעם רבי׳ן**[מה]**. אז רבי אברהם ר׳ נחמן׳ס פלעגט רעדן פונעם רבי׳ן, איז געווען צייטן ממש - ״אט איז ער!״ ״אט איז ער!״ ״אט זעהט מען דעם רבי׳ן!״.**

**ווען ער פלעגט ארויפגיין צום רבי׳ן אויפן ציון, איז אויך געווען וואונדערליך, ער האט ממש גערעדט מיטן רבי׳ן ׳כדבר איש אל רעהו׳, אזוי ווי מען רעדט איינער מיטן אנדערן. אמאל פלעגט ער ארויסגיין פונעם ציון שוין אוועקצוגיין, און ער האט זיך אומגעקערט צוריק און נאכאמאל גערעדט.**

(ר׳ מאיר: מען האט אים געהערט אמאל מאכן התבודדות אויפן ציון, האט ער עפעס געזאגט: ׳זיך ליבן אין דיר׳!) **יא יא, ״לאמיר זיך פאָרכטן אין דיר, לאמיר זיך ליבן אין דיר!״.**

(ר׳ מאיר: וואס הייסט ׳פארכטן׳?) **׳פאָרכטן׳ הייסט, ׳מורא׳, ׳יראה׳.**

**נאך פון קליינערהייט אָן; ער איז געווען ר׳ נחמן טולטשינער׳ס א קינד; פארשטייט מען, ער איז געווען א ׳קדוש מרחם אמו׳, נאך פון קליינערהייט אָן איז ער געוואקסן שוין עפעס אפגעזונדערט פון דער וועלט.**

---

[מד] עפ״י מה שאמר להם ה׳נשר הגדול׳ להזקנים, עיין ׳סיפורי מעשיות׳ מעשה י״ג, ביום הראשון.

[מה] עיין ׳ליקוטי עצות׳ ערך ׳התחזקות׳ אות ג׳: **עִקַּר הַהִתְחַזְּקוּת הוּא בְּגֹדֶל כֹּחַ הַצַּדִּיק הָאֱמֶת** שֶׁהוּא גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיָּכוֹל לְהַעֲלוֹת גַּם נַפְשׁוֹ הַפְּגוּמָה בְּיוֹתֵר וְלֹא יָצְאָה עֲדַיִן מֵחֹל אֶל הַקֹּדֶשׁ אֲפִלּוּ כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה, גַּם אוֹתוֹ יָכוֹל הַצַּדִּיק לְהַעֲלוֹת וּלְחַדְּשׁוֹ לְטוֹבָה בְּגֹדֶל כֹּחוֹ **וְזֶה עִקַּר הַהִתְחַזְּקוּת שֶׁל כָּל אֶחָד**. כִּי אֲפִלּוּ הַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה אֲפִלּוּ אִם עַכְשָׁו עוֹבֵר עָלָיו מַה שֶּׁעוֹבֵר כָּל זְמַן שֶׁאוֹחֵז אֶת עַצְמוֹ בְּהַצַּדִּיק הָאֱמֶת יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה טוֹבָה וְנִפְלָאָה לָנֶצַח.

ר' נחמן איז געווען א איד אַן ארעמאַן. א קינד קומט פון חדר, ער איז הונגעריג - 'מאמע, גיב מיר עפעס צו עסן!' - א קינד. רבי אברהם האט קיינמאל נישט געבעטן; אז ער איז געקומען פון חדר האט ער אריינגעלייגט דער קאפ אין דער ספרים שאפע און געקוקט ספרים נאך ספרים.

א קלייניקייט?! - א קינד פון פינעף-זעקס יאר זאל שוין אריינלייגן דעם קאפ אין שאנק אריין און נאר קוקן ספרים און קיינמאל נישט זאגן די מאמע - 'גיב מיר עפעס צו עסן'?!

ר' נחמן טולטשינער האט דאס באמערקט, האט ער נאך דעמאלט געזאגט: "דו קערסט קיין ארץ ישראל!" "דו קערסט קיין ארץ ישראל!".

## התבודדות משבת לשבת

איך האב געקענט מענטשן וואס זענען געווען עלטער פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, זיי האבן נאך אלע געדענקט אים (פון אלס קינד); (ער פלעגט נעמען) א קריג וואסער מיט פארטריקנטע סוחארעס... (ושהה מחוץ לישוב משבת לשבת).

ווער קען דאס טוהן?! - אזוי זיך פירן צענדליגער יארן - ווער קען דאס טוהן?! אז איינער וועט דאס וועלן נאכטוהן פאר איין וואך, וועט ער נישט אויסהאלטן, ער וועט קראנק ווערן, מען מוז דאך האבן עפעס אַן ארט.

מיר ווייסן טאקע נישט; וואו איז ער געווען?! וואו איז ער געשלאפן?! וואו איז ער געלעגן?! ווי האט ער זיך געהאלטן?! - א גאנצע וואך! ווי האט ער זיך געהאלטן? מיט וואס האט ער געלעבט?!

ער האט מיטגענומען מיט זיך וואס צו שרייבן, און דעמאלט האט ער געמאכט דעם "ביאור הליקוטים".

ווייסט מען טאקע נישט; מן-הסתם האט ער געהאט א מין ארט וואו ער זאל קענען זיין. אין רוסלאנד גייט דארטן רעגן, עס גייט שניי - ווינטער זוממער; ווי האט ער געקענט אויסהאלטן?! און וואו איז ער געווען?! - מען ווייסט נישט!

דערין איז ער געווען א געוואלדיגער חכם - אין באהאלטן זיך. ער איז געווען א געוואלדיגער חכם. אפילו אין אונזערע צייטן ווען עס איז שוין נישט געווען אז ער זאל אוועקגיין פאר א וואך, אבער עס איז אויך געווען, ער האט געקענט באהאלטן זיך פון אינדערפרי, און קומען פארנאכט; ער איז נישטא - מען ווייסט נישט וואו ער איז...

(ר' מאיר: אין זיינע יונגע יארן האט ער געוואוינט אין אומאן?) **יא.**

(ר' מאיר: אין אומאן איז דעמאלט געווען אונזערע לייט?) **עס איז געווען ווינציג; אין ניי-שטאט איז געווען, אבער אין אלטע-שטאט איז געווען ווינציג. אבער ער איז נישט געווען דארטן. מסתמא האט ער געהאט א שטיקל שטיבעלע וואו ער זאל קענען אריינגיין; אז מען ווייסט נישט - קען מען נישט וויסן; ער איז אוועקגעגאנגען און אהיימגעקומען פרייטאג פארנאכט מיט א שמייכל; ער האט אפגעארבעט א שבת; און מוצאי שבת ווייטער אוועק - אזוי האט ער זיך געפירט צענדליגער יארן.**

קען מען פארשטיין וואס ער האט זוכה געווען!

עס שטייט אויפן אר"י הקדוש[מ], ווען ער איז געווען אין מצרים, ער האט געהאט א רייכער פעטער אין מצרים, ער האט דאך גענומען זיינער א טאכטער, איז ער געווען עפעס א זיבן יאר חוץ לעיר. דער פעטער איז געווען א רייכער מענטש, האט ער אים מיטגעגעבן שומרים זאלן אים היטן, איז א גאנצע וואך דער אר"י הקדוש געווען חוץ לעיר. מען האט מורא געהאט, דארטן איז דא די רוצחים, האט ער געהאט שומרים, מען האט אים געהיט. דאס איז געווען איידער ער איז געקומען קיין ארץ ישראל. נו, מסתמא האט ער געהאט דארטן א שטוב, אַן ארט, ער איז געווען חוץ לעיר דארטן.

ר' מרדכי סאקאלאווער פלעגט רעדן פון ר' אברהם ר' נחמן'ס געוואלדיג! רבי שמואל הורביץ האט מיר דערציילט, ער איז געווען דארטן אין סאקאלאוו עטליכע טעג - טאג און נאכט האט ער נאר גערעדט דאס גרויסקייט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס, ער האט גארנישט געקענט זיך קילן, אָה אַה!

מען פלעגט טאקע זאגן: "מען דארף זיין א שטיק רבי אברהם אז מען זאל האבן א געפיל אין אים!" אז נישט - מען האט געקענט אים, אבער טאקע וויסן - -

---

[מ] ריש ספר שבחי האריז"ל.

(ר' מאיר: אונזערע לייט פלעגן זאגן, 'ווען ער וואלט געווען ביים רבי'נס צייט וואלט ער געווען א חידוש!'?) **יא!** ער וואלט געווען פון די תלמידים מובהקים אפילו אין רבי'נס צייט, מיט זיין עבודה! **אזעלכע עובדים איז נישט געווען קיין סאך אפילו אין רבי'נס צייט אויך,** אפילו אין דעם בעל שם הקדוש'ס צייט, אזעלכע עובדים איז נישט געווען קיין סאך; ס'איז געווען, אבער אזעלכע עובדים, אוועקגעבן גאנצע נעכט מיט גאנצע טעג, אוועקגעבן דער גאנצער יוגנט!

אונזערע לייט פלעגן זאגן: "**אזוי ווי רבי אברהם איז געווען 'בימי חורפו' איז נישט געווען!**" - אזא מין פיראכטס ווי ער האט זיך געפירט 'בימי חורפו'. און אזא 'שפל ברך', אזא שטיקל בלאטע ביי זיך! ממש א שטיקל בלאטע!

דער רבי רעדט אין דער תורה פון "חיים נצחיים"[מז], אז "מחוק"ק" איז רמ"ח; אז דאס שפלות פון משה רבינו איז מלובש אין אלע רמ"ח איברים. קומט אויס, עס איז דא א שפלות אין אלע רמ"ח איברים, ער איז א שפל, פון דעם קאפ ביז דער פיס איז ער פול מיט שפלות. אט דאס איז ממש געווען ביי רבי אברהם'ען - און ער איז געווען אזוי 'מלא וגדוש'.

## גאון בנגלה ונסתר

ר' אלטר טעפליקער איז געווען זיינער א שוואגער[מח].

[(השואל: פון וואנעט קומט אז מען רופט אים "אלטר"? זיין נאמען איז נישט אלטר?) **יא,** ס'איז דא אסאך אזוי; אלטר איז נישט קיין נאמען פאר זיך, אבער פאר עפעס א סיבה גיט מען א נאמען אלטר אויך - "משה יהושע אלטר". מען האט אים גערופן "אלטר", מען האט אים קיינמאל נישט גערופן "משה יהושע", נאר צו דער תורה האט מען אים אויפגערופן "משה יהושע", אבער אזוי האט מען אים גערופן ר' אלטר].

---

[מז] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ב: וְזֶהוּ: בִּמְחֹקֵק בְּמִשְׁעֲנֹתָם. מְחֹקֵק דָּא מֹשֶׁה, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא בַּתְרָא טו). גַּם מְחֹקֵק בְּגִימַטְרִיָּא רַמַ"ח, הַיְנוּ בְּחִינוֹת הַשִּׁפְלוּת שֶׁל מֹשֶׁה, שֶׁמְּלֻבָּשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּרַמַ"ח אֵיבָרָיו, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר כַּנַּ"ל.

[מח] בזיווו"ש היה חתנו של ר' נחמן טולטשינער.

ער האט געוואוינט אין טעפליק, איך האב געוואוינט אין זיין שטוב. ר' אלטר'ן האט מען גע'הרג'עט (בפרעות בשנות התר"פ), און קיבליטש איז געווארן אויס, קיבליטש האט מען אינגאנצן אויסגע'הרג'עט, בין איך ארויס קיין טעפליק. האב איך געוואוינט ביי אים אין שטוב, איך האב גענומען ביים זון זיין שטוב.

רבי אברהם איז געווען זיינער א שוואגער. אז רבי אברהם פלעגט קומען קיין טעפליק, אים ער געווען ביי אים. איז געווען אמאל, רבי אברהם איז געזעצן דארטן אין דער זייט אויף א קאַנאַפּקעלע - א ברייט בענקל - און זיך געשאקלט. ר' אלטר האט באמערקט אז ער זאגט משניות פון "טהרות". כאפט ער ארויס דעם משניות (פון שאפע), ער האט געוואלט זעהן צו ער זאגט פונקטליך. ער האט געזאגט אזוי שטילערהייט. האט ער געזעהן ער זאגט פונקטליך די משניות פון "טהרות". אזוי, שטיל, פארבאהאלטן. ער איז געווען א געוואלדיגער גאון אין נגלה.

ר' אלחנן (ספעקטור) האט מיר דערציילט, אין פוילן איז געווען רבי שימעלע זעליחוב'ער, ער איז געווען דער ראש הישיבה פון דעם לובלינער רב, א געוואלדיגער גאון איז ער געווען, ער האט גע'שמ'ט אין פוילן מיט זיין גאונות. ר' אלחנן האט אים געקענט. האט ער געזאגט צו אים: **"איך האב געקענט אייער א חסיד - ער איז געווען א גאון אין נגלה און נסתר!" - אויף רבי אברהם ר' נחמן'ס.**

**אזוי איז ער דאך געווען א פארבאהאלטענער - ווער האט געוואוסט פון אים?!**

(השואל: ווי קומט רבי אברהם אין פוילן?) ער פלעגט דאך פארן פון ארץ ישראל אויף ראש השנה, פלעגט ער זיין אין פוילן א שטיקל צייט. ער איז געווען אין לאדזש, ער איז געווען אין ווארשע. ער האט געהאט אזעלכע גדולים וואס ער איז געווען ביי זיי, ער האט געהאט דארט זיינע וועגן.

(אחד הנוכחים: ביים ראדזינער איז ער געווען!) דעמאלט איז געווען א סיבה וואס איינמאל איז ער געווען דארטן.

ווען ער פלעגט קומען אין ווארשע און לאדזש, פלעגט ער זיין ביים ביאלער רב[מט],

---

[מט] עיין 'טעם זקנים' קונטרס קכ"ח: אין פוילן איז געווען דער ביאלער רב [ה"ה הרה"ק ר' שמואל ארי' לייב ז"ק זצ"ל, מחבר ספר רמזי חכמתא. תלמיד בעל השו"ת שואל ומשיב - בנגלה. ומבעל החידושי

גדולים וואס ער פלעגט זיין ביי זיי, וואס ער האט מיט זיי געקענט רעדן פונעם רבי'ן. קיין אומאן איז ער געקומען שוין אינמיטן אלול, שוין אויף ראש השנה.

'אשרי לו ואשרי חלקו'! ער האט גוט געמאכט, ער האט גוט געמאכט!

## א איד א בעל רוח הקודש

ר' מרדכי סאקאלאווער האט דערציילט: אין בארדיטשוב איז דא איין לאנגער גאס, [איך בין געווען אסאך מאל אין בארדיטשוב], מען רופט עם: 'די באן גאס!' א גאס פון עטליכע קילאמעטער, איין לאנגער גאס, די גאס איז כמעט די גאנצע שטאט, און אינמיטן האקט זיך איבער געסער פון דער זייטן. בארדיטשוב איז א כרך גדול גרעסער ווי ווארשע, אבער מען קען נישט בלאנדזשען, ווייל אז מען גייט דורך דעם לאנגן גאס, גייט ער דורך א שעה צוויי, אבער ער קומט צו דער באן.

רבי אברהם איז אוועקגעפארן, און ר' מרדכי סאקאלאווער האט אים באגלייט, און נאך דארטן האבן אים באגלייט.

ר' מרדכי סאקאלאווער ווען ער איז געווארן מקורב האט ער א שטיק צייט געלערנט אין בארדיטשוב מיט דעם גרויסן גביר - מיט זיינע קינדער.

האט ער באגלייט רבי אברהם'ען. האבן זיי גערעדט.

---

הריי"ם - בחסידות, ועוד. נסתלק ג' טבת שנת תרצ"ב]. ער האט גע'שם'ט פאר א בעל רוח הקודש, טאקע א געוואלדיגער מענטש געווען, ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט רעדן זייער די גרויסקייט פון דעם רב. ווען ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען (אין פוילן), פלעגט ער זיין אין ביאלע ביי דעם רב - פאר אים האט ער שוין גערעדט. דער רב האט געהאט א געוואלדיגן געפיל אין דעם רבי'נס זאך. מען האט געהאלטן אין פוילן פון אים שטארק, אלע רבי'ס אין פוילן האבן געציטערט פאר אים - 'דער ביאלער רב!' - א קליין שטעטעלע ביאלע. ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט טאקע: "**אין ביאלע איז דא א רב - איז ער א גדול, האט ער א גרויסן געפיל אין רבי'נס זאך!**". ער איז נישט געווען קיין רבי - ער איז געווען א רב, א גרויסער מקובל און א גרויסער מענטש געווען. ר' אברהם פלעגט תמיד זיין אין ביאלע און רעדן מיט אים; אז ער האט געהאט מיט וועמען צו רעדן - האט ער גערעדט!; ער האט נישט גערעדט מיט מיר וואס ער האט גערעדט מיטן ביאלער רב.

יעדער איינער אין בארדיטשוב ווייסט אז אין דער גאס מען קען נישט בלאנדזשען. גייען זיי מיט רבי אברהם'ען, גייט ער אוועק אין דער זייט. (והיה תמיהה,) 'רבי אברהם זאל נישט וויסן דעם וועג וואו מען גייט?!' אבער זיי האבן נישט געטשעפעט.

ער גייט אוועק אין דער זייט, גאר אַן אנדער וועג, ער גייט גארנישט צו דער באן - דאס האט ר' מרדכי דערציילט; אין דער זייט גייט ער אריין עפעס אזוי, ער גייט צו צו א שטוב, א חורבה דארט. אז ער איז געקומען צו דער שטוב, איז ארויסגעלאפן פון דארטן אַן 'איש ואשה', ארויסגעלאפן און אנטלאפן... האט ער זיך ארויסגעדרייט צוריק און צוגעגאנגען אויף דער גאס צו דער באן. ר' מרדכי האט דאס באמערקט.

'א איד א בעל רוח הקודש'!

געגאנגען ראטעווען זיי פון טוהן אַן עבירה! ער איז געגאנגען אין דער זייט, זענען זיי אנטלאפן, און ער איז געגאנגען צוריק צום באן אזוי ווי מען דארף גיין.

אויף רבי אברהם איז דאס נישט קיין גרויסקייט. ער (- ר' מרדכי) האט געהאט 'גרעסערע' זאכן פון רבי אברהם ר' נחמן'ס צו דערציילן.

אז ער האט גערעדט מיט זיי, האט ער אנדערע דיבורים גערעדט. ער האט זיך זייער געהיט, ער האט מיט יעדן איינעם גערעדט נאר וואס עס איז שייכות צו אים. אז ער פלעגט רעדן מיט אונז, האט ער אויך גערעדט, (אבער) ער האט פארשטאנען מיט וועם ער רעדט...

## וואס הייסט 'תורתו אומנתו'?

איך געדענק, נאך דער חתונה, איך האב חתונה געהאט, איך בין געקומען צו רבי אברהם ר' נחמן'ס, איך האב נישט געוואוסט וואס איך זאל טוהן. אין רוסלאנד איז נישט געווען אזוי ווי דא - א ישיבה, א כולל א גאנצן טאג. דארטן איז נישטא דאס דאזיגע, אדער איינער זאל זיך אינגאנצן מפקיר זיין, אדער מען מוז עפעס טוהן, א מלמד, 'עפעס' מוז ער טוהן. האב איך געפרעגט רבי אברהם וואס זאל איך טוהן? זאל איך גארנישט טוהן, צו זאל איך עפעס טוהן?

האט ער מיר נישט געזאגט וואס איך זאל טוהן, ער האט נאר דערציילט א מעשה פון רבי נתן'ען, אז איינער א יונגערמאן איז געקומען צו רבי נתן'ען, אויך אזוי געווען, נאך קעסט, 'וואס זאל ער טוהן?' ער וויל זיך אוועקלאזן נאר אויף צו לערנען.

האט רבי נתן אזוי געזאגט: "וואס הייסט 'תורתו אומנתו'? אז מען זעצט איינעם אוועק ביי א פעסל גאלד, און מען זאגט אים אזוי: 'וויפיל דו וועסט אפציילן אין א שעה, זאל קערן צו דיר!'". וויפיל דו וועסט אפציילן אין א שעה - גאלד, קערט צו דיר. "אז אינמיטן דער שעה ווערט ער הונגעריג, איז וואס זאל ער טוהן?! אז ער וועט נעמען עפעס צו עסן, וועט ער דאך אנווערן, ער האט דאך נאר די שעה; גיט ער א בים און א צייל; א בים און א צייל; אט דאס הייסט 'תורתו אמנתו'. קענסטו דאס?! אז נישט - גיי נעם עפעס צו טוהן!".

- אט דאס האט מיר רבי אברהם ר' נחמן'ס דערציילט. האב איך שוין פארשטאנען וואס ער מיינט פאר מיר. האב איך דעמאלט גענומען, געלערנט מיט קינדער, געווען א מלמד, געלערנט מיט עטליכע קינדער.

ווען ער האט געענטפערט דער זאך, האב איך שוין פארשטאנען אז ער זאגט - 'עס איז נישט פאר דיר קיין 'תורתו אמנתו', נעם עפעס צו טוהן'.

דארטן איז נישט געווען אזוי (ווי דא בארץ ישראל); מען זעהט דאך, אפילו דעם רבי'נס איידעם ר' יוסקא האט אויך עפעס געטוהן[נ].

רבי נתן אליין האט גארנישט געטוהן, ווייל דער רבי האט אים ממש ארויסגענומען פון דער וועלט; אבער אזוי - -

רבי נתן האט געוואלט אז ר' אפרים (בן ר' נפתלי) זאל גארנישט טוהן, ער האט געוואוסט אז ר' אפרים איז א גרויסער גאון, א גרויסער צדיק, און ער איז געווען רבי נפתלי'ס א קינד, א קלייניקייט - "רבי נפתלי"?! האט ער אים געוואלט האבן צו זיין

---

[נ] עיין 'כוכבי אור' - אנשי מוהר"ן אות ל': **וְכֵן אַנְשֵׁי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן שֶׁבַּאֲנָשָׁיו** כְּמוֹ הַנָּגִיד רַבִּי לֵיבּ מִקְּרוּמִינְטְשַׁק **וּבְנוֹ רַבִּי יִצְחָק אַיְיזִיק חֲתָנוֹ שֶׁל אַדְמוֹ"ר ז"ל, וְכֵן רַבִּי יוֹסֵף חֲתָנוֹ הַשֵּׁנִי** ... וּשְׁאָר אַנְשֵׁי הַמַּשָּׂא וּמַתָּן שֶׁהָיוּ מְקֹרָבִים אֶל אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל, **רֻבָּם כְּכֻלָּם הָיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים וִיקָרִים וְנַפְשָׁם נִכְסְפָה גַּם כָּלְתָה לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** וְקָבְעוּ עִתִּים לְתוֹרָה וְלִתְפִלָּה כָּל אֶחָד כְּפִי יְכָלְתּוֹ וְאֶפְשָׁרוּתוֹ וּלְבָאֵר עַל הַכְּתָב הַמַּעֲלוֹת וְהָעֲבוֹדוֹת שֶׁל כָּל אֶחָד יִקְצְרוּ הָמוֹן יְרִיעוֹת לְסַפֵּר, **אַשְׁרֵי לָהֶם**.

**זאך, צום רבי'נס זאך, ער זאל גארנישט טוהן; האט ער געוואלט אבער זאגן - האט ער נישט געזאגט[נא].**

**איז ער געווען א סוחר פון דימאנטן, ער איז געווען א סוחר וואס פון צוועלף** (בייניאכט) **ביז צוועלף** (בייטאג) **האט ער גערינט דעם אויבערשטן, ער איז געווען 'יענער סוחר', אבער געווען א סוחר.**

**ר' איצע, זיינער א זון** (- בן מוהרנ"ת)**, האט ער אוודאי געוואלט אז ער זאל זיין** (פרוש לעבודת ה')**; אבער זאגן האט ער נישט אים געזאגט. האט ער געארבעט אין דער פאסט. האט ער זיי אנגערופן "מארק מענטשן"[נב].**

**זעהען מיר אלץ אז ביי רבי נתן'ען איז געווען אזוי, מען האט יענעם נישט געקענט זאגן אז יענער זאל זיך אפלאזן נאר אויף תורה אליין, דאס עניות איז געווען דארטן זייער גרויס, עס איז נישט געווען 'בכלל' קיין וועג אזוי, נאר מען האט עפעס געטוהן, עפעס וואס, צו א שוחט, א רב, א מלמד, 'עפעס' האט מען געטוהן.**

(השואל: רבי נפתלי האט אויך דער רבי ארויסגענומען?) **ביי רבי נפתלי איז אויך געווען; רבי נפתלי האט געהאט א קלייט פון שניט-קראם, טעקסטיל. רבי נפתלי פלעגט דאך דעם רבי'ן אלעם דערציילן, האט ער דעם רבי'ן דערציילט אז ער זיצט אלע טאג אין קלייט א גאנצן טאג.**

**האט דער רבי זיך אנגערופן: "א גאנצן טאג זיין אין קלייט?!" האט ער שוין פארשטאנען...**

**נאכדעם איז ער געקומען נאכאמאל צום רבי'ן, איז ער שוין געזעצן נאר שעה'ן, נישט א גאנצן טאג. זאגט דער רבי: "אלע טאג זיין אין קלייט?!". האט ער שוין דערנאך**

---

[נא] בענין הנהגת רביה"ק ומוהרנ"ת זצ"ל בנתינת עצות למקורביהם עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אותיות ק"פ-קפ"ד.

[נב] עיין 'כוכבי אור' שו"ס אות נ': בְּנוֹ רַבִּי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִטָּאלְטְשִׁין, אֲשֶׁר אֵלָיו נִכְתְּבוּ רֻבָּם כְּכֻלָּם מֵהַמִּכְתָּבִים שֶׁבְּסֵפֶר "עָלִים לִתְרוּפָה", וּבְסֵפֶר "מִכְתְּבֵי מוֹהַרְנַ"תְּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה". אַף עַל פִּי שֶׁקָּרָא אוֹתוֹ פַּעַם אַחַת מוֹהַרְנַ"תְּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹתוֹ וְאֶת רַבִּי אֶפְרַיִם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בְּשֵׁם **אַנְשֵׁי שׁוּק** יַעַן אֲשֶׁר יָדַע בָּהֶם שֶׁיֵּשׁ בִּיכָלְתָּם לְהִתְעַלּוֹת בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם, אֲבָל בְּתוֹךְ הַשּׁוּק בְּעַצְמוֹ הִרְבּוּ לְקַיֵּם קְבִיעַת עִתִּים לְתוֹרָה וְלִתְפִלָּה, וּבְרֹב הָאֱמוּנָה אֲשֶׁר בְּמַשָּׂאָם וּמַתָּנָם הִרְבּוּ לְקַדֵּשׁ ה' בָּרַבִּים.

געקומען א ׳יומא דשוקא׳, אין א יריד. עס איז געווען גרויסע ירידים דארטן. א גרויסער יריד האט געקענט זיין איינמאל א וואך. האט ער שוין דערציילט דעם רבי׳ן אז ער איז נאר אין א ׳יומא דשוקא׳.

זאגט דער רבי: **״וואו א יריד דארפסטו זיין אין קלייט?!״** - ביז ער האט אים ארויסגענומען אינגאנצן. האט ׳זי׳ געהאנדלט, ׳זי׳ איז געווען אין קלייט.

ביי רבי נתן׳ען איז אויך געווען; דער שווער האט אים געוואלט מאכן פאר א רב אין א גרויסער שטאט, און ער האט געפרעגט דעם רבי׳ן, האט דער רבי אים געזאגט: **״פארוואס נישט?!״ - ״ער האט מורא!״ - ״ווער דען זאל זיין רב - דער וואס האט נישט קיין מורא?!״. דער וואס האט מורא דער דארף זיין רב!**

האט ער געפרעגט דער רבי׳ן: **״רבי, ווי איז אבער דער אמת?״** האט דער רבי געענטפערט: **״עס איז דער אמת - פארוואס נישט?!״ - ״רבי, ווי איז אבער דער אמת׳ער אמת?!״ - ״אויב דו זוכסט דעם אמת׳ן אמת - דארפסטו קיין רב נישט זיין!״.**

נאר ווען האט אים דער רבי געזאגט די ווערטער ״דארפסטו קיין רב נישט זיין״? אז דער רבי האט געזעהן אין אים אז ער וויל טאקע מיט אַן ׳אמת׳! ער האט געדרייט געדרייט געדרייט.

(השואל: דא שטייט[נג] אז דער רבי האט אים געוואלט מאכן פאר א רב: ״רצונו קצת לעשות אותי אב״ד באיזה קהילה״) דער שווער האט אים געוואלט מאכן פאר א רב, איז ער געקומען פרעגן דעם רבי׳ן, דער רבי האט אים געזאגט: ״יא, פארוואס נישט?!״.

דער שווער איז געווען אזוי ווי א לאנד-רב כמעט, ער האט געהאט עטליכע אין אכציג שטעט (שהיו תחת המגידות שלו). מעזיבוזש איז אויך געווען פון די. ׳מאהליב׳ איז לעבן ׳מעזיבוזש׳. מאהליב, שאריגראד, קרעמניץ, פרוסקורוב, דאס איז אלץ שטעט לעבן מעזיבוזש. קרעמניץ איז א גרויסע שטאט, און ארום און ארום - קליינע שטעטלעך. און אזוי ׳מאהליב׳ איז א גרויסע שטאט, און ארום און ארום. ׳מעזיבוזש

---

[נג] ׳חיי מוהר״ן׳ אות תמ״ד; ׳ימי מוהרנ״ת׳ ח״א אות ח׳.

איז אויך געווען שייכות צו רבי דוד צבי, טאקע נעמיראוו אויך, ער האט געהאט א גרויסע פארנעם.

עטליכע אין אכציג שטעט האט ער געהאט, און ער האט דאך גוט געקענט רבי נתן'ען, האט ער געוואלט מאכן ער זאל ווערן א רב אין א שטאט - פון די שטעט וואס ער איז דארטן טאקע געווען - זיינע שטעט.

(ר' מאיר: רבי שמואל אייזיק האט גארנישט געטוהן!) רבי שמואל אייזיק איז געווען א שטיקלע מפורסם, ער האט געהאט חסידים.

די אמאליגע רבי'ס זענען געווען גרויסע ארעמעלייט, נישט ווי די היינטיגע רבי'ס... וואס האבן זיי געדארפט?!

(ר' מאיר: רבי יודל איז אויך געווען א שטיקל מפורסם?) ווי עס ווייזט אויס איז רבי יודל געווען א בחינת רב אין מעדוועדיווקע. נאכדעם איז געווען רבי ישעי' שלום (בנו), און נאכדעם איז געווען רבי זלמן דער רב (בנו). רבי יודל איז געווען א שטיקעלע רב, ממילא האט ער געהאט שוין א שטיקעלע הכנסה, די שטאט האט אים עפעס געגעבן דארטן חודש-געלט.

❖

## דאס שפענדעלע

ר' מרדכי איז געווען רב אין סאָקאָלאָוו, ער איז געווען א גרויסער גאון, און ער איז געפארן אויף ראש־השנה (פון פוילן). אין מיינע צייטן האב איך אים געזעהן - ע"ה האב איך אים געזעהן אויף ראש־השנה, און דאכט זיך ע"ט, עפעס צוויי ראש השנה'ס.

א רב פארט אוועק פון שטאט, האט מען שוין געהאט וואס צו רעדן... א רב - שאלות, יום־טוב איז דאך דא שאלות, אוועקפארן פון פוילן געדויערט דאך לאנג, ראש־השנה, יום כיפור. אבער ר' מרדכי איז געווען א גדול, מען האט פאר אים מורא געהאט, מען האט געוואוסט ווער ער איז.

תרע"ה - געדענק איך - האב איך אים געזעהן גוט; ע"ט בין איך שוין מסופק - די יארן האט מען נישט געקענט פארן, אין די מלחמה צייטן.

זיי זענען געווען גדולים, עס איז נישט קיין קלייניקייט, נישט נאר גדולים אין תורה, נאר גדולים אין יראת שמים.

(ר' מאיר: ר' שלמה גבריאל איז אויך געווען פון די?) ר' שלמה גבריאל איז געווען א גאון עולם, ער איז געווען אַן עובד ה', האָ האַ! וואו זעהט מען היינט אזעלכע עובדים?!

אזעלכע עובדים ווי ר' שלמה גבריאל איז געווען איז נישט שכיח - אה! געוואלדיג! אלע געווען פון דעם שטעטל "לאָמאַז". נחום שוסטער האט זיי מקרב געווען.

"אט דאס שפענדעלע האט מקרב געווען אזעלכע גרויסע קלעצער!"[נד]

דאס שפענדל צינדט אָן א קלאָץ; דאס שפענדל האט מקרב געווען ר' מרדכי'ן, און מקרב געווען ר' שלמה גבריאל'ן, און נאך לאמאז'ערס וואס פלעגן פארן אויף ראש השנה.

❖

## גאר עפעס אנדערש

ר' מאטל שוחט פון ברסלב, ער איז געווען א גדול. איך האב איינמאל געהאלטן ביי אים שבת, פרשת ויצא. ער האט זייער אסאך גערעדט פון דער גרויסקייט פון ר' מיכעלע'ן (בן ר' יצחק במוהרנ"ת), ער פלעגט פארן אלע יאר אויף שבת פרשת פרה צו ר' מיכעלע'ן. ער פלעגט זאגן: "ר' מיכעלע איז א צדיק; אז מען פארט צו אים - פארט מען צו א צדיק אויף שבת!" - אזוי פלעגט זאגן ר' מאטל שוחט. איך האב מיט אים אסאך גערעדט.

---

[נד] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נדרים ה"ד אות ו'ף הַצַּדִּיק מֵאִיר דַּעַת אֲמִתִּי וְנִפְלָא כָּזֶה עַד שֶׁכָּל מִי שֶׁזּוֹכֶה לְקַבֵּל הֶאָרָה מִדַּעְתּוֹ יֵשׁ לוֹ כֹּחַ לְהָאִיר יוֹתֵר לַחֲבֵרָיו וְתַלְמִידָיו. אֲפִלּוּ אִם הוּא בְּעַצְמוֹ קָטָן בְּמַעֲלָה מְאֹד כִּי דַּעְתּוֹ שָׂגְבָה מְאֹד עַד שֶׁכָּל בְּנֵי אָדָם גְּדוֹלִים וּקְטַנִּים יְכוֹלִים לְקַבֵּל אֶת דַּעְתּוֹ וּלְהָאִיר לְהַלָּן יוֹתֵר בְּחַבְרֵיהֶם וְתַלְמִידֵיהֶם, כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל. שֶׁכָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיֵּם זֹאת לְהַעֲמִיד בָּנִים וְתַלְמִידִים וְכוּ', עַיֵּן שָׁם. וּכְמוֹ שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְאֵיזֶה אִישׁ פָּשׁוּט מְאֹד, שֶׁגַּם הוּא יָכוֹל לְעוֹרֵר בְּנֵי אָדָם אֲפִלּוּ הַגְּדוֹלִים מִמֶּנּוּ מְאֹד לְעוֹרְרָם לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת **וְאָמַר לוֹ, הֲלֹא עֵץ קָטָן שֶׁקּוֹרִין שְׁפֶּענְדֶילִי יָכוֹל לְהַדְלִיק עֵץ גָּדוֹל!** וְכֵן אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, מָה עֵץ קָטָן מַדְלִיק אֶת הַגָּדוֹל, אַף תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וְכוּ'. וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הֶחָכָם הָאֱמֶת שֶׁהוּא הֵאִיר זֶה הַדַּעַת בְּתַלְמִידָיו וְכֻלָּם מְקַבְּלִים מִמֶּנּוּ לְהָאִיר יוֹתֵר מִדּוֹר לְדוֹר כַּנַּ"ל.

ער פלעגט האבן א נאטור, ער פלעגט זיך פארגלאנצן די אויגן. האב איך אים געזאגט: "נו, ווי אזוי איז **עפּעס רבי אברהם ר' נחמן'ס?**" ער האט גערעדט אזויפיל פון ר' מיכעלע'ן, האב איך אים א פרעג געגעבן: "נו, ווי אזוי איז רבי אברהם ר' נחמן'ס?" האט ער פארגלאנצט די אויגן: "**דאס איז גאר עפּעס אנדערש!**" - האט ער א מאך געגעבן אזוי מיט דער האנט.

(אחד הנוכחים: רבי אברהם האט געהאט א ויכוח מיט ר' מיכעל'ע'ן וועגן ארץ ישראל!) **נאר** שטילערהייט; אלץ געווען אויף אַן איידעלעם אופן. רבי אברהם האט זייער מכבד געווען ר' מיכעלע'ן.

רבי אברהם האט יעדן איינעם מכבד געווען. איך געדענק אליין, עס איז געווען אמאל, ר' מיכעלע פלעגט קומען צו פארן ערב ראש חודש סיון צום רבי'ן אויפן ציון, אלע יאר ערב ראש חודש סיון.

ער האט געהאט אזא מין סארט מנהג, ער איז געווען ביים רבי'ן אויפן ציון א שטיקל צייט. נאכדעם איז ער געקומען אין קלויז אריין און גערעדט פונעם רבי'ן א שמועס. איז שוין געשטאנען אינדרויסן דארטן די קארעטע, און אוועקגעפארן. אפילו פרייטאג, איז ער נישט געבליבן אויף שבת.

איז געווען אמאל, ר' מיכעלע איז געקומען אויפן ציון, און ער איז געווען אין שול, ער האט זיך אוועקגעזעצט, ער האט גערעדט; אין "שערי ציון" איז דא[נה]: "והודיעני הדרך שאפיק דרכי הענוה" - אין די תפילות. ר' מיכעלע איז געווען א געוואלדיגער 'עניו' ביי זיך, ער איז געווען א צובראכענער מענטש אזוי, האט ער אנגעהויבן צו רעדן זייער פון 'להפיק דרכי הענוה', זיך מעמיק געווען אין דעם שמועס. און ער האט גערעדט פון "**אשר אתם זונים אחריהם**", אז עס איז דא צוויי 'זונים'[נו], ער האט גערעדט אזוי, גערעדט פון יראת שמים. דערנאך האט ער זיך געזעגנט און ער איז אוועק.

האט זיך אנגערופן רבי אברהם ר' נחמן'ס: "**ער רעדט ווי אַן ערליכער איד!**".

---

[נה] שער ג' - תיקוני תפילות ליום ב'.

[נו] עיין 'שיש"ק' (חדש) ח"ב, אות תשי"ג.

ער האט זיך געזעגנט פון רבי אברהם ר' נחמן'ס און ער איז אוועק, און ער האט זיך אומגעקערט קריק. ער זאגט אים: "אברהם, עס איז אמת אז דער רבי האט אזוי געזאגט: 'ארץ ישראל איז ארץ ישראל, אבער אומאן!'?" האט רבי אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: "יא!". און ער איז אוועקגעגאנגען.

ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט געזאגט רבי אברהם ר' נחמן'ס: "ער האט צופיל אויפגעהויבן דעם 'טאָן'; דער רבי האט אזוי געזאגט: 'ארץ ישראל אבער אומאן'!" אבער אים האט ער נישט געוואלט זאגן.

(השואל: ר' מיכעלע איז קיינמאל נישט געווען אין ארץ ישראל?) יא יא, ער איז געווען אין ארץ ישראל. ר' מיכעלע איז געווען אין ארץ ישראל, ער איז געווען אין ארץ ישראל ביי די זיבעציג יאר.

האט דעמאלט רבי אברהם ר' נחמן'ס גערעדט, 'אַן אלטער איד קומט קיין ארץ ישראל - און פארט קריק?!' 'א איד פון זיבעציג יאר - בלייב אין ארץ ישראל'!

אפילו גאנץ טולטשין האט אויך געזאגט אויף אים אז ער האט נישט געטוהן גלייך, אַן אלטער איד פארט קיין ארץ ישראל - 'בלייב שוין אין ארץ ישראל'.

אַן אלטער איד - פארסטו צוריק?!

רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט צו ר' אברהם שטערנהארץ ער זאל אוועקפארן קיין ארץ ישראל, ער האט אים געזאגט: "אז דו ווילסט ראטעווען, דו ווילסט האבן קינדער, פאר אוועק קיין ארץ ישראל; דו וועסט דארטן האבן פרנסה, א סופר, א חזן!".

האט ער גערעדט מיט ר' מיכעלע'ן. ר' מיכעלע האט אים געזאגט ער זאל נישט פארן. פארוואס? וועגן ראש השנה!

האט אים רבי אברהם ר' נחמן'ס געזאגט: "איך בין אַן ארעמאן, און איך פאָר אלע יאר אויף ראש השנה; דו וועסט אוודאי קענען פארן, דו וועסט האבן פרנסה דארטן, דו וועסט אוודאי קענען פארן אויף ראש השנה!".

**ר' (שמואל) מאיר אנשין איז געקומען אהערצו (קיין ירושלים) פון תל אביב (יפו). דארטן האט ער געהאט פרנסה, ער האט שוין געהאט קינדערליך. דא איז ער געווען אַן ארעמאן. רבי אברהם ר' נחמן'ס האט אים נאר איין ווארט געזאגט, איז ער שוין אנטלאפן פון דארטן, און שוין געראטעוועט![נז]**

**ר' גדלי' בערגער, האט ער א זון אברהם, און בנימין, און זאב, ער האט דאך עפעס קינדער! וואס וואלט ער ווען געהאט דארטן (- באַרדיטשוב)?! גארנישט!**

**עס איז געווען א נסיון צו פאלגן רבי אברהם ר' נחמן'ס.**

**עס איז אויך געווען, ווייל דער שטייגער איז געווען אז זיי פלעגן נישט זאגן בדרך 'עשה כך', קיינמאל נישט. ער האט נאר געזאגט אזוי, אזוי ווי מען זאגט - 'דו ווילסט מיך פאלגן!?' אבער זאגן אים - 'טוה אזוי?!' (- נישט).**

**עס איז אזוי א נאטור געווען, מען האט נישט יענעם געזאגט 'עשה כך', אפילו זאכן וואס יענער דארף אזוי טוהן האט מען אויך נישט געזאגט 'עשה כך', ווייל אזוי איז געווען ביי רבי נתן'ען, און אזוי איז געווען ביים רבי'ן, מען האט געלאזט 'בחירה', מען האט נאר געזאגט, 'ס'איז בעסער אזוי'; אבער זאגן, 'טוה אזוי' - האט מען נישט.**

## געכאפט דעם העכט מיטן פלאטציקל

**ר' ישראל נעמיראווער, וואס דער רבי האט נישט געוואלט ער זאל פארן דארטן קיין מאסקאווע און ער האט גע'עקשנ'ט זיך מיטן רבי'ן[נח]. דער רבי האט געזאגט: "נעם זיך פיר דעם 'יא' מיטן 'ניין' גלייך, גיי אריין אין א צימער און זאג אפ די ערשטע פיר קאפיטלעך תהלים, און די ערשטע געדאנק וואס וועט דיר אריין - זאלסטו אזוי טוהן!". ער האט אזוי געטוהן, און עס איז אים אריין דער געדאנק: "יא!".**

---

[נז] עיין תוכן הסיפור ב'טעם זקנים' קונטרס מ"ז.

[נח] מובא באריכות ב'כוכבי אור' - אנשי מוהר"ן אות ל', עיי"ש.

האט ער געזאגט צום רבי'ן, 'עס איז אים אריין אין געדאנק - 'יא'!'. מסתמא האט ער זיך נישט אויסגעמאלט דעם 'יא' מיטן 'ניין' גלייך, ער האט דאך גיכער געוואלט דעם 'יא'.

דער רבי האט א זאג געגעבן: "טע". ['טע' הייסט א לשון, 'פארפאלן']. "**א פלאטציקל כאפט א העכט!**". און ער איז אוועקגעפארן. א 'פלאטציקל' הייסט, א קליין פישעלע. זי כאפט א 'העכט'. א 'העכט' הייסט, א גרויסע פיש. מען נעמט דעם פלאטציקל, מען בינדט צו א דראָטעלע, און מען שטעקט איר אריין אין ים אריין, און אז דער פיש גייט צו, כאפט ער אריין דאס פלאטציקל, ווערט עס געכאפט.

די פלאטציקל כאפט טאקע דעם העכט, אבער די פלאטציקל ליגט דאך אין דעם העכט, דאס העכט צעבייסט דאך איר, דאס העכט ווערט דאך אין כעס, צעבייסט ער דעם פלאטציקל, ער ווערט טאקע געכאפט, אבער זי ווערט צעביסן.

ביי ר' ישראל איז אויך אזוי געווען, ער האט געכאפט דעם "העכט" (- אחד שאכן כך היה שם משפחה שלו), איינעם האט ער געכאפט, ער האט יענעם מקרב געווען - און ער איז געווארן צעביסן (- ואכן שם משפחה שלו היה "פלאטינסקי").

ווען דער רבי זאל ווען זאגן: "ישראל, פאר נישט!", וואלט ער נישט געפארן, (אלא רבינו רק רמז אותו שאין רצונו שיסע); נאר אז ער עקשנ'ט זיך - -

ער האט געפרעגט צוויי מאל; דעם רבי'ן פרעגט מען נישט קיין צוויי מאל. ער האט דעם רבי'ן געפרעגט, און ער האט געזעהן אז דער רבי איז נישט מסכים, האט ער נאכאמאל געפרעגט - דאס איז שוין א פגם אין 'אמונת חכמים'. אז דער רבי איז נישט מסכים, פארוואס פרעגט ער נאכאמאל?!

אז ער עקשנט זיך, האט ער אים געגעבן א בחירה, פיר קאפיטלעך תהלים, און מאל זיך אויס. שוין.

אבער מיר ווייסן דאך אסאך זאכן וואס דער רבי וויל יא פון אונז, און דאס דארפן מיר פאלגן דעם רבי'ן! 'ועל כולם' וויל דער רבי פון אונז, אז דעם רבי'נס זאך זאל מען

אנגעמען בתמימות ובפשיטות! דאס איז א כלל זאך, נעם דעם רבי'נס זאך בתמימות ובפשיטות אָן שום חכמות! וויל נישט פארדרייען!

אפילו די זאך איז פאר דיר איז שווער מקיים צו זיין, אבער אז איך בעט דעם אויבערשטן, וועל איך אים שפעטער מקיים זיין, אבער דערפאר ווייל מיר איז שווער זאל איך געבן א דריי?! - דאס טאר מען נישט.

אז דער רבי רעדט דארטן פון אויפשטיין אין דער צייט - איז דאס די צייט! איך וועל מאכן א פשעטל אז איך וועל מאכן נאך א שעה, וועט מיר זיין בעסער?! עס דאכט זיך דיר אז עס וועט דיר זיין בעסער.

אפילו דו האסט דיך אויסגעמאלט אז דיר איז בעסער, אבער דער וועג איז גלייך אזוי ווי עס דארף זיין! דער וועג איז פונקט אזוי ממש; איי מיר איז שווער? וועל איך מארגן אויפשטיין; אבער צו געבן א דריי, וועל איך דאך שוין קיינמאל נישט אויפשטיין; אז איך מאך שוין אַן אנדערע דריי, מאך איך דאך שוין אַן אנדערע זאך.

אין אנדערע זאכן איז אויך אזוי, יעדע עצה פונעם רבי'ן, יעדער 'דיבור' פונעם רבי'ן, און בכלל וויל דער רבי דער מענטש זאל גיין מיט א וועג פון תמימות[נט], זיי א תמימות'דיגער איד, 'הכל מודים' אז דאס וויל דער רבי, און דאס זאל מען פאלגן דעם רבי'ן. דער אויבערשטער זאל העלפן.

[נט] עיין 'שיחות הר"ן' אות י"ט: וְכָל עִקַּר מְגַמָּתוֹ וְחֶפְצוֹ הָיָה תָּמִיד רַק לַעֲבֹדוֹת וַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל, רַק שֶׁנַּעֲסֹק תָּמִיד בַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה בִּפְשִׁיטוּת דְּהַיְנוּ לְהַרְבּוֹת בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה וְלַעֲשׂוֹת מִצְווֹת הַרְבֵּה בְּכָל יוֹם וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים תָּמִיד וְהַכֹּל בִּפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת.

# לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה
בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר
שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

ר' מנחם מענדל ב"ר יעקב יהושע ע"ה

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים